STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05462

LIDER

B. Kovner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. אַדלער

לידער

צווייטער באַנד

אַרויסגעגעבען פון
י. אדלער יובילעאום-קאָמיטע
(צו זיין 50-יעהריגען יובילעאום)
פארלאג „וועקער",
175 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק, 1924

Copyright 1924
by
J. ADLER

200

אַמאָל, אַמאָל

י. אדלער

[stamp]

לאה *)

רעד ניט, רעד ניט, יעקב!
איך וויים, וואס דו ביסט געקומען זאגען.
מיין שוועסטער, וועמען דו האסט ליב, איז דא געווען
און האט מיר אלעם אויסדערצעהלט.
מיין פאטער גיט אוועק דיר רחל׳ן פאר א פרוי.
לאכענדיג האט עס מיר רחל אלץ דערצעהלט.
ניט פארשטאנען האט זי ווי איטלאכס ווארט
געפאלען איז אין הארץ ביי מיר ווי א שארפער שפיז
און גע׳שרפה׳ט און געברענט
א טיף־באהאלטענע וואונד.

זי האט מיר אויך דאס קליינע קעסטעלע געוויזען
מיט די פעריל, זייד און סאמעט,
און אלע אנדערע אנטיקען פונ׳ם וויטען צייל׳אן,
וואס דו האסט איהר אין איינעם מיט ליבע געשענקט.
פון איהר האלז ארונטערגענומען האט זי די קארעלען,
אין מיינע הענד זיי אריינגעלעגט;
געהייסען מיך, כ׳זאל זיבען צעהלען,
פאר איטלאכס יאהר וואס דו האסט געדינט פאר איהר;
געדינט אזוי צופרידען, אז ס׳האבען אלע זיבען יאהר
דיר אויסגעוויזען ווי איין טאג,
ווי קארעלען זעהען אוים אויף א שנור.
די גאנצע זיבען יאהר איז קיין איין סטאדע ניט געווען,
וואס דו האסט מיט א פאסטוכ׳שער געדולד
ניט אויפגעפאסט פאר רחל׳ם ליבע —
אין פריהמארגען, מיטאג־צייט און אווענד.

---

*) נאכ׳ן מאטיוו פון עלזא ניקעלסאן.

און מיט אזא געדולד האָב איך דיין ליבע ערוואַרט,
און דו האָסט זי מיר ניט געגעבן.

און ביזטו שפּעט אמאָל אין דיין געצעלט געקומען
פון זוכען אין די בערג וואו אַ פאַרלאָרענע שאָף,
זיינען דאָס נ י ט געוועזן רחל׳ס אויגען וועלכע האָבען
דיך ערוואַרט, נאָר לאה׳ס!
און ווען די הייס־אַסירישע זון האָט דיין שטערען
גע׳שרפה׳ט, און דו האָסט געליטען פון דעם בייזען מדבר־פיבער,
זיינען דאָס נ י ט געוועזען רחל׳ס אויגען וועלכע האָבען
שטיל געוויינט אויף דיר, נאָר לאה׳ס!
אָה, מיין האר! ווען דו דערזעהסט מיין קרענקליך פּנים
און דו זאָגסט: „לאה, די שוואך־אויגיגע״, —
טו זאָג־זשע אויך פאַראיינס:
„לאה די גוטהאַרציגע״.

איך האָב געדענקט, אַז ווען דו זאָלסט נאָר קענען וויסען,
ווי שווער עס איז די פּיין געוועזן פון מיין ליבע,
אויסגעשטרעקט וואָלסטו פריינדליך דיינע הענד צו מיר
און וואָלסט געהאָלפען מיר די פּיין פון ליבע טראָגען.
נאָר כ׳האָב קיין וועג געהאַט דיר לאָזען וויסען;
דיין ליבע צו מיין שוועסטער רחל האָט דיך
טויב געמאַכט צו מיינע ווערטער.

אַ, מיין הארץ!

אויף דער גאַנצער וועלט געפינט זיך ניט קיין גרעזעל
וואָס וואָלט ניט וועלען זיין אַ רויז, ווען ס׳וואָלט געקענט;
מאַנכעס מאָל האָב איך שיעור ניט גאָט געשאָלטען
פאַר וואָס מיין פּנים איז ניט אזוי שעהן ווי סאיז רחל׳ס;
בין איך געשטאַנען און געקוקט אין איהרע קויל־שוואַרצע,

בליצענד־שטראַהלענדיגע אויגען,
האָב איך געפיהלט, פון אייפערזוכט, זיי ארויסצורייסען!
נאָר מיין ליבע צו דיר איז טרייער פיל געוועזען
ווי די קנאה צו רחל׳ען!
און וויסענדיג ווי דו ליבסט איהר, האָב איך זיך אָפּגעקערט
מיט אַ שטומען וועה און האָב געליבט איהר אויף דאָס ניי;
ווייל זי איז געוועזען אזוי נאָהנט און טריי צו דיר,
און דו, יעקב, אזוי נאָהנט און טייער אויך צו מיר.
ליבע איבערגעבענע איז תמיד, תמיד שוין אזוי —
וועמען זי האָט ליב פארשאַפט זי ניט קיין ליידען.
מיין ליבע איז געוואַקסען מיט דעם שווינדען פון דער צייט;
זי איז שטאַרקער און נאָך הייליגער געוואָרען.
אויסגעוויזען האָט זי מיר ווי אַ באזונדער זאַך,
וואָס איז אָפּגעטיילט פון מיין נשמה.
ד׳האָב געפרואווט מיין מילדקייט מאַכען הארט
און קאַלט מיין שטאָלץ — — —
און אין מינוטען פון גליהענדיגען צאָרן האָב איך איהר
געזוכט צו טויטען, צו דערשטיקען זי אין מיר;
נאָר שטענדיג האָט מיין שוואַכקייט זיך ארויסגעוויזען
שטאַרקער, גרעסער ווי מיין שטאַרקייט.

ווען מיין היים־ברענענדיגער צאָרן איז אריבער,
האָב איך פארשעמט געקוקט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען
און זיך אליין רחמנות׳דיג באדויערט.
אזא ליבע איז הימליש און קען ניט שטאַרבען;
ס׳איז אַ גאָטס־מתנה צו ליבען אזוי שטאַרק!
אפילו געטער ליידען אויך ניט טיפער,
ווי ס׳ליידען די פרויען, ווען זיי גיבען נאָך
דעם שטומען פארלאַנג נאָך דער ליבע — — —

אלע זיבען יאָהר, ווען דו האָסט געדינט פאַר רחל׳ן,
האָט די ליבע, ווי אַ הונגעריגער עקדיש

מיין ברוסט געזויגען און מיין האַרץ פאַר׳סמ׳ט.
מיין האַר! דאָס האַרץ, דאָס פאַר׳סמ׳טע,
וואו עס וואוינט דאָס פייער פון אייפערזוכט
און ליידענשאפט —
דאָס האַרץ וואָלט איך טיף מיט׳ן וואָרצעל אויסגעריסען,
פאַר דיינע פיס אַוועקגעלעגט,
פאַר איין זיס וואָרט, פאַר איין ליב וואָרט פון דיר.

ווען ס׳האָט מיין פאָטער מיך צו דיין געצעלט געפיהרט
און מיט אַ שטרענגען טאָן געהייסען מיך אריינגעהן,
האָב איך ווי אַ מימאָזע־בלאַט אַ ציטער געטאָן.
פאַרגיב מיר, יעקב, פאַרגיב מיר, וואָס איך האָב געפאָלגט!
ס׳איז ניט פון מיר געוועזען דער געדאַנק, דער וואונש
צו פאַרנעהמען רחל׳ס אָרט — און דאָך... און דאָך...
מיין האַר! ס׳איז שווער צו געפינען די ריכטיגע ווערטער,
וואָס זאָלען זיין עדעל און ווייך גענוג, צו מאָלען פאַר דיר
די האַלב־פאַרוועלקטע און האַלב־פאַרלאָשענע האָפנונג,
וואָס האָט געשמייכעלט צו מיר ווי דורך אַ נעבעל.

וואָלסטו ווייסען נאָר ווי שטאַרק איך האָב געליבט דיך,
זיכער וואָלט מיין ליבע פון דיר וואָס געוואונען,
כאָטש איין שוואכען ענטפערדיגען ליבעס־זיפץ,
ווי אַ ווייטער עכאָ אויף אַ שוואכן אַקאָרד.

אָה, יענע צייט!
ווען ס׳האָט דאָס מאָרגען־ליכט מיין פנים דיר געוויזען,
און דו האָסט מיך געשאָלטען, דערנידערט און באַליידיגט,
צוטראָטען דאָס הייליגסטע, דאָס טייערסטע אין מיר,
מיין ליבע אויסגעלאַכט;
מיך צום פּראָסטען שטויב און מיסט געמאַכט,
ווי דו וואָלסט אַ מעכטיגער קעניג געוועזן,

און איך, ווי שטעק־שיך נאָר אויף דיינע פיס —
דאַן האָב איך דיך מיט אַ טויטליכער שנאה געהאַסט!
ניט שרעק זיך, יעקב, די שנאה איז אוועק!
פון דעם האַס האָט נאָך מיין ליבע שטאַרקער אויפגעפלאַמט!
אַזוי ווי פונ׳ם הימעל נויגט זיך אַרונטער
די דורשטיגע זון
מיט איהרע פייערדיגע ליפּען, און זי טרינקט זיך אָן,
אַזוי האָסטו מיך מיט דיינע קושען אָנגעטרונקען,
מיינענדיג דאָס זיינען רחל׳ס ליפּען.
— — — — — — — — — — — — —
זלפּה, קום! מיין האַר איז אוועק.
קום אַהער און ציה אַראָפּ פון מיר
דאָס ווייסע חתונה־קלייד.
די בלויע אַליענדאַרען־בלומען, די ווייסע מירטען,
די גרינע הדסים, די פרישע פייגען, די ציטראָנען,
די לאַגלען ווייַן, די מילגרוימען און די זאַפטיגע טרויבען
זיינען אָנגעגרייט פאַר רחל׳ן!
קיין איין קערענדעל, קיין מינסט בלומען־שטענגעל,
קיין טראָפּען ווייַן, קיין איין טראָפּען האָניג,
קיין איין ברעקעל קאָרן אָדער ווייצען־ברויט איז פאַר מיר;
אַלץ, אַלץ פאַר רחל׳ן!
באַלד, באַלד, אין דער קורצער צייט פון נאָר איין שעה,
וועט קומען מיין שוועסטער פאַרנעהמען איהר אָרט
אָט אין דעם געצעלט.

זלפּה! מיר ביידע וועלען וואַלגערן זיך אין אַ שייער,
וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר מיר ווייט, ווייט פון זיין געצעלט.
ווען ליכטיג־קיהלע נעכט וועלען קומען
און ברענגען מיט זיך פרישע בערג־ווינדען,
פאַרגעסענע וועלען מיר זיך וואַלגערען אין שייער,
וואָס שטעהט אויפ׳ן ברעג פון טייך

מיט אַן אָפענע טיר צום שטילען וואסער...
איך מוז געהן!
און דו, זלפּה, מוזט געהן מיט מיר צוזאמען.
קום! דו מוזט מיך פיהרען צו דער טיר;
ווייל בלינד בין איך פון וויינען היינט דעם גאַנצען טאָג,
און ס׳טראָגען נאָך די אויגען שווערע, פולע קוואלען
פון הייסע, נאָך נישט קיין אויסגעוויינטע טרערען.
נעהם אָן מיינע הענד אין דיינע און מאַך זיי וואַרים;
זעה ווי זיי ציטערען, פיהל ווי קאַלט זיי זיינען.
זלפּה!
העלף מיר, העלף מיר גאָט צו בעטען,
ער זאָל אַ קינד מיר שענקען איידער נאָך איך שטאַרב —
אַ קינד, וואָס זאָל נעסטען ביי מיין ברוסט
און מיין הארץ דערפרעהען.
אויב גאָט וועט פאַרנעהמען מיין געבעט און דיין געבעט
און שענקען מיר אַ קינד,
וועט אפשר נאָך אַ נס געשעהן
און ס׳וועט אַ ליבעס־פּאַליע, אָדער כאָטש אַ שוואַכער וואַל
פון צערטליך־גוטער ליבע, וואָס מיין האַר וועט פיהלען
צו דעם קינד, אויך צו מיר אַריבער — — —
אָ, זלפּה!
העלף מיר מתפּלל זיין פאַר גאָט!

י. אדלער

זכריה

ווי א וואנד א שטארקע, פון גראניט געהאקט,
איינגעהילט אין פייער, איינגעטונקט אין פלאמען,
האט בעשיצט ירושלים ירמיהו הנביא;
אהן א שווערד, אהן פיילענבויגען,
מיט׳ן בליץ פון זיינע אויגען,
מיט זיין געטליך ווארט דעם ריינעם,
האט ער א פחד אנגעווארפען
אויף די שונאים פון יהודה
און זיי האבען פון יהודה אפגעצויגען.

און דאס הייליג לאנד פערלאזען האט דער נביא.
און געוואנדערט האט ער אין דעם לאנד בנימין,
און געטראטען האט ער איבער מדבר־דערנער,
איבער זאמד און שטיינער.
אין די אויגען זיינע האט געגליהט א צארען,
און דאס הארץ געפלאקערט, ווי דעם מדבר׳ס דארען,
ווי דער פייער־דארען פון דער גרויער וויסטע
וואס ער פינקעלט אין לעגענדען שוין צוויי טויזענד יאהרען,
און עס וואנדערט, וואנדערט אלץ דער נביא זקן,
און דער כשדים־ווינטעל שויבערט זיינע לאקען,
וואס נאך ווייסער זיינען ווי דער שנעע פון גלעד.

אין דעם לאגער פון די כשדים
איז א גרויסע פרייד געווארען
ווען עס איז אוועק דער נביא
אין דעם לאנד בנימין:
ס׳איז געווארען בבל׳ס מאכט געבארען.
און די בשורה איז געלאפען פון איין מחנה צו דער צווייטער
דורך טויזענד פלינקע רייטער:

אַמאָל, אַמאָל

„ס'איז ניטאָ שוין מעהר דער נביא אין דעם לאַנד יהודה!"
און געפּלאַטערט האָט די בשורה
איבער פעלדער, איבער קברים,
און געוויגט זיך האָט דאָס חיל
און די שטאַרקע בבל־הערשער,
ווי אַ וואַלד אין ווילדען שטורעם!

און ווי הונגעריגע שפּאַרבערס,
האָבען זיך געשאָטען בבל'ס מחנות אויף די וועגען.
ווער מיט שאַרפען פייל־און־בויגען,
ווער מיט שפּיעז און ווער מיט דעגען.
און ווי זיילען זאַמד אין מדבר האָבען הייזער זיך צושאָטען!
נבוזראדן'ס בייזע זעלנער, אויפגערעגטע כשדים,
ווי פון אשמדאי, די שדים,
האָבען אין דער שטאָדט, דער שעהנער,
אַלץ פערטיליגט, אַלץ צוטראָטען!
ווילד און שוידערליך געוועזען איז דער משפּט פון דעם שונא!
גאַסען זיינען וויסט געלעגען,
און פערבלוטיגט אַלע וועגען.
ביז געקומען נבוזראדן איז צום הר הבית!...

— — — — — — — — — — — —

פעסט פערהאַמערט איז געוועזן דער היכל.
„אַלע טהירען ברעכען!" — האָט ער שטרענג בעפוילען
און אויף זיינע קוילער־ליפּען האָט גערוהט אַ שמייכעל.
ווען דאָס פרישע בלוט, דאָס הייסע,
האָט דערגרייכט די מויערען,
האָבען זיך אַליין געעפענט די בית־המקדש טוירען,
און עס האָט דער היכל זיך
אין מאָרגען ליכט געבאָדען.
נבוזראדן האָט די הייליגע שוועל בעטראָטען,
און דערזעהן דאָרט, איז אַ ווינקעל,

צוועלף

י. אדלער

אויף א ווייסען מארמאר־שטיין, האבען טראפענס הייסע בלוט געזאדען.
פול מיט שוידער איז דאס בילד געווען:
ווי אן אויג פון א יונגער ווייסער טויב,
האט דאס מיט א שטיל געבעט און טיפען צער געקוקט,
אינ׳ם זידען פון דעם בלוט האט א קללה זיך געהערט
אויף דעם קוילער מיט זיין שווערד,
וואס האט א יונגען מענשען פארשניטען פון דער ערד.

אויפגעשטורעמט פול מיט צארען
איז דעם הערשערס הארץ געווארען.
גערופען האט ער די זקנים
און האט זיי, א יעדען איינעם,
שארף און בייז געפרעגט:
„זאגט מיר, זאגט מיר, איהר זקנים,
וועמעס בלוט דארט שעלט און זידט?"
און זיין רוגזה האט געגליהט.
די געזיכטער פון די זקנים
האבען זיך אין טויט געפארבען,
און געציטערט, און געפלאטערט,
ווי די בלעטער אין א ווינד;
און זיי האבען שטיל געענטפערט
פול מיט אימה און מיט טרויער:
„ס׳בלוט איז פון א יונגען קרבן;
אויסצולייזען פון א זינד,
איז ער פאר זיין פאלק געשטארבען..."

— — — — — — — — —

ניט דערצעהלט דעם אמת, האבען די זקנים.
נבוזראדן האט דערזעהן געל־געקארבטע
פארמעט־באקען רויט געפארבען...

דרייצעהן

און סיגעריש האָט נבוזראדן
פון זיין שייד דעם שווערד געצויגען;
און אין שווארצע פלאַמען האָבען
זיך צעצונדען זיינע אויגען!
חיה־רעה׳ש האָט ער אויסגעברילט:
„זאָגט דעם אמת מיר, זקנים!
כ׳וועל ביי אייך פון יעדען איינעם,
מיט מיין שווערד דעם אמת קריגען״
ביי יעדען זקן האָט דאָס בלוט געקיהלט...

און דער עלטסטער פון די זקנים איז ארויסגעטראָטען,
זיין גרויען קאָפּ גענידערט
און מיט א יאָמערליכער שטים געזאָגט:
„גרויסער האר! זאָל מילד צו אונז דיין משפט זיין —״
זיין שטים האָט ציטערדיג געקלאָגט.
שטיל געוועזען איז אין היכל,
שטיל און טונקעל.
אריינגעשיקט דער מערב האָט זיין לעצטען
פייערדיגען רוט.
קברים־שטילקייט האָט געהערשט;
כ׳האָט זיך נור געהערט דאָס זידען פון דעם נביא׳ס בלוט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער גרויער זקן מיט די ווייסע לאָקען,
אונטער גרויסע ברעמען — טיפע־שווארצע אויגען —
מיט זיין מתים־פנים און געפּאַלבטען שטערען,
האָט זיך צו דער ערד געבויגען,
און מיט טרערען אין די אויגען
צו נבוזראדן גערעדט:
„ווען משה בן עמרם, דער הייליגער נביא,
האָט אונזערע זיידעס פון קנעכטשאפט בעפרייט,
האָט ער זיי צוויי גרויסע מתנות געגעבען:

י. אדלער

דאָס געטליכע וואָרט און די טויטליכע שווערד,
אין האָט דאַן די זיידעס ערקלעהרט:
דער שאַרפער, דער בלאַנקענדער שווערד איז בעשאַפען
צו פאַרטיליגען פעלקער, צו פאַרקירצען דאָס לעבען;
דאָס וואָרט איז בעשאַפען צו שפּינען, צו וועבען,
די לאַנגע, די גאָלדענע שנור פון דעם לעבען.
און אָנגעזאָגט דער גרויסער נביא האָט:

„היט אָפּ דעם זעלטענעם געשאַנק פון גאָט!"
און דאָס וואָרט — די הייליגע מתנה,
האָבען זיי פערלאַכט!
פערלאַכט די זיידעס האָבען דעם פּראָפעט
און אַלץ נור וואָס זיין מויל האָט אויסגערעדט.
נור די שווערד געהיט און דאָס וואָרט פערשפּאָט.
זיי האָבען געזאָגט:
„מיר ווילען ניט זיין קיין נזירים־פאָלק,
מיר ווילען ניט זיין קיין כהנים־פאָלק,
נור לעבען ווילען מיר פון שווערד,
ווי אַלע פעלקער פון דער ערד.

„און צו פרעמדע פעלקער זיינען זיי אוועק,
און צו פרעמדע געטער האָבען זיי געדיענט,
און דעם אָרימאַן בערויבט און איהם געקוועלט,
תמיד נור געבלוטיגט אין מלחמה־פעלד!
— — — — — — — — — — — — — — —
„און א נביא זכריה האָבען זיי געהאַט: —
און געוועזען איז דער נביא וואונדערשעהן,
ווי א יונגער און א שלאַנקער טאַנענבוים;
ווי לבנון'ס ריח האָט זיין לייב געשמעקט,
און נאָך ריינער ווי דער שנעע פון גלעד
איז געווען זיין טרוים.

און פיעל צאַרטער נאָך, ווי די רויז פון שרון,
איז זיין פּנים קלאָר געווען.
און געוועזען זיינען זיינע אויגען בלויע;
בלויער נאָך ווי די הימלען אין אַ זומער־טאָג.
און געשימערט האָט אין זיי אַ שכינה־קוואַל;
ס'האָט געדאַכט זיך, אַז די הייסע תּמוז־זון
גע'גנב'עט האָט פון זיינע אויגען יעדען שטראַל,
און ווי די האָר פון אבישלום, זיינען
זיינע שוואַרץ געווען...

* * *

„ווי אַ מלאך,
האָט בעוויזען זיך זכריה,
און גענומען האָט ער שטראָפען
דאָס פערפיהרטע פאָלק ישראל
אין די פאַלשע פיהרער, זיינע.
ווי אַ פייער איבער זאַנגען,
האָט זיין געטליך וואָרט געשפּרייזט;
ווי די בלאָע וואַסער־וועלען,
פון דעם קלאָהרען טייך שילוח
האָט זיין קול זיך וויים צוגאָסען.
און ווי שאַרפע פיילען זיינען
זיינע ווערטער טיף דערגאַנגען
און געבערענט די טיפסטע ערטער,
און געגיפטעט ווי די שלאַנגען.
און די פיהרער פון ישראל
דורך שענדליכע בלבולים,
האָבען אויפגערייצט דאָס פאָלק
אויף דעם יונגען נביא זכריה.

„ס'איז איינמאָל אַ יום־כּפּור־טאָג געווען
און דער יונגער זכריה איז אריין

י. אדלער

אין דעם היכל גאנץ אליין;
געשטעלט זיך אין א ווינקעל דארט,
האט זיך צו דעם פאלק געווענדט,
אויסגעפליגעלט זיינע הענד
אויסגעדונערט האט זיין ווארט:
„גאטעס־הויז וועט חרוב ווערען!
ווי א פעלד צו אקערט בלייבען
וועט די הויפט־שטאדט פון יהודה.
כ'וועט דער שונא אלץ צושטערען!
חרוב ווערען פאר די זינד פון
איי'רע פריסטער און כהנים,
פאלשע פיהרער און נביאים.
שיקען וועט אייך גאט זיין צארען
פאר פארהונגערען דעם יתום,
פאר בעראבעווען דעם אביון,
„פאר — — — — — — — —
„ס'איז געווארען א געפילדער,
און א טומלעניש א ווילדער,
און די פריסטער און כהנים,
אלע פיהרער און בעטריגער,
אלע לעסטערער און זינדער,
האבען אויפגערייצט די מענער,
און די פרויען און די קינדער,
און געשריגען, און געליארעמט,
„טויט צום נביא! טויט צום נביא!"
און זיי האבען דעם נביא פארשטיינט...

— — — — — — — — — — — — — —

אין דער דאזיגער שעה, אין דער דאזיגער צייט,
האט מעהר שוין די זון ניט געשיינט;
געשטארבען דאס ווארט, דאס געטליכע ווארט,
עס האבען די הימלען געוויינט.

„אַנגעקומען איז אין היכל פריה די נאַכט.
־ער מערב האָט די פענסטער צוגעמאַכט;
נור א רויטער וואָלקען איז געבליבען שטעהן
איינזאַם, ווי א יתום, צווישען בערג אליין.
מיט א רויטען פייער־לאָק געשפּילט זיך דאָרט,
געשפּילט זיך, און פערשוואונדען באַלד פון אָרט.
און דעמאָלט איז דער גרויסער נס געשעהן:
ניט פערגליווערט האָט דעם יונגען נביא'ס בלוט.
כ'האָט גענומען זידען אויף דעם ווייסען שטיין,
ס'האָט געהערט זיך אין דאָס זידען א געוויין.
און אָהן א פונק פון צאָרן אויף דאָס פאָלק געקוקט.

„דאָרט ניט ווייט פון ארון קודש,
אין דער גאָלדענער מנורה,
האָבען זיבען ליכט געברענט,
און געוואָרפען שוואַרצע שאָטענס,
וואָס זיי האָבען ווי די שלאַנגען
אומגעפּויזעט אויף די ווענט.
און אין יעדען שטילען ווינקעל
איז אן אימה אומגעגאַנגען,
אויסגעשפּרייט א שוואַרצע מורא
פאַר דעם נביא זכריה'ס בלוט...
און עס האָבען די כהנים
באַלד געהייסען די משרתים
ס'בלוט אָפּוואַשען פון דעם שטיין;
ניט געהאָלפען האָט עס אָבער.
ס'בלוט איז באַלד אַרויפגעקומען
ווי געוועזען, גאַנץ אליין...
מיט דעם זעלבען צער געקוקט —
ס'האָט די ערד עס ניט פערצוקט...
און עס האָבען די כהנים,

אונ די פריסטער פונ דעם היכל
צוגעשטעלט א נייעם שטיין
אונ דעם אלטען אבגעבראכען
אונ מיט שעפסען־בלוט בעגאסען,
איז עס באלד געווארען טרוקען,
אונ ווי פריהער דאס בלוט פון נביא
האט גיט אויפגעהערט צו קאכען...

* * *

„מורא'דיגע שאטענס, קאלטע,
וויקלען איין דאס בית המקדש.
אונ פערשלינגען גאטעס־הויז;
אונ דאס פאלק, אין ווילדען צארן,
פון די זינדיג־פאלשע פיהרער,
איז אויף דער גאס ארויס.

„און א פחד־נאכט, א שווערע,
האט די שווארצע פליגלען איהרע
אויף דער הייליג־שטאדט פערשפרייט;
קינדער קליינע פון די וויגען,
וויינען ביטער, און זיי ליגען
ביי די בריסט פון בלייכע מאמעס
און דער קינדער־יאמער גיסט זיך
און ער טראגט זיך ברייט און ווייט.
ס'האבען ציון'ס שעהנע טעכטער
אין דעם מיטען שלאף ערוואכט,
און געווארפען שרעקענס־בליקען
אין דער חושך'דיגער נאכט.
און פערבראכען אין דער מורא
האבען זיי די ווייסע הענד
און די קעפ, די שווארץ־געלאקטע,
זיך צושלאגען אין די ווענד.

אויך די בחורים פון ציון
האבען רוהען גיט געקענט:
שטארק צושראקען האבען זיי
אלץ געבליקט ארויף צום הימעל,
יעדער בליק — א שטום געבעט;
און א בייז, א ווילד געטומעל,
האט זיך שטראמענווייז געגאסען.
וועגען מארד אין בית המקדש
האבען אלע נור גערעדט.
גאנצע מחנות סאוועס האבען
אין די גערטנער שטארק געקלאגט;
אויף דעם שפיץ פון הר־הבית
האבען אלטע, שווארצע ראבען
שווארצע בשורות אנגעזאגט — —
— — — — — — — — — —
„ווען עס איז דער טאג געקומען,
און די ערשטע, רויטע פיילען,
פון דעם ווייטען, יונגען מזרח,
זיינען אין דער שטאדט געפלויגען
און געשימערט אין די אויגען,
האט דאס פאלק גענומען איילען
דארט, אהין, צום בית־המקדש.
לאנגע שרענגעס מענשען האבען
פון די גאסען זיך געצויגען.
אפגעטהאן פון יעדען איינעם
איז געווען דער פרידען:
ווי פער׳סם׳טע משוגעים
לויפען מענשען און זיי פרעגען:
„האט דאס בלוט פון נביא זכריה
אויפגעהערט שוין זידען?״

* * *

א ווילדער קריג האָט אויסגעבראָכען!
איינער שרייט אין ווילדען כעס
און מאַכט דעם צווייטען שולדיג;
ווערען ביידע אויפגעבראַכט,
פלאַקערט אויף אַ ברודער־שלאַכט.
שטאַרקער, שטאַרקער ווערט דער שטרייט;
ווי בעפרייט זיך פון אַ קייט
רייסט זיך איינער מיט דעם צווייטען,
און אַ צווייטער — מיט אַ דריטען —
אויף טויט און לעבען ווערט געשטריטען!

אין היכל האָט אַ שרעק געדוהט.
די תלמידים פון דעם נביא
האָבען בייז און שטרענג געזאָגט:
„נור מיט תשובה און מיט צדקה
ווערען ווערט פערשטילט דאָס בלוט..."
און די קרובים פון דעם נביא
האָבען ניט געקענט זיך קיהלען
און מיט רוגזה אויסגעשריען:
„נור דאָס בלוט פון זיינע מערדער
איז דעם נביא זכריה'ס ווילען!"

און ס'האָבען זיך פיינדליכע מחנות צוטהיילט;
און ס'האָבען זיך טויזענדער טויטע געצעהלט,
און שנעל איז געוואַקסען די בלוטיגע שנאה
און היים איז געוואָרען דער דורשט נאָך נקמה
און ווילדער און ווילדער די ברודער־מלחמה!"

— — — — — — — — — — — — — — —

און דער אַלטער גרויער זקן
איז געוואָרען שטילער, שטילער...
און זיין מידען קאָפּ, דעם ווייסען,

מיט די לאנגע זילבער־לאָקען,
האָט ער מעהר אראָפּגענידערט,
און אַ שוידערליכער שאָטען
האָט גערוהט אין יענעם ווינקעל
וואו עס האָט דאָס בלוט געזאָטען.

און נבוזראדן זאָגט צום זקן:
„גרויס איז אייער זינד און שרעקליך!
אין געשטאַלט פון מענשען איז צו אייך
אַ גאָט געקומען,
האָט איהר איהם פערשטיינט,
דאָס לעבען איהם גענומען!
ניטאָ קיין מענש, ניטאָ קיין גאָט,
וואָס בלוט זאָל ניט פערשטילען.
בלוט פאַר בלוט!... בלוט פאַר בלוט!...
דאָס איז דעם נביא׳ס ווילען!"
און — — — — — — — — — —
נבוזראדן האָט געשאָכטען די זקנים;
אַלע פירשטען, אַלע הארען, יעדען איינע,
און דאָס בלוט פון נביא זכריה
ניט אויפגעהערט האָט זידען.
כ׳האָט מיט מעהר רחמנות נאָך
און מעהר געבעט געקוקט...
„נקמה!" — האָט געשריגען נבוזראדן,
„נקמה בעט נאָך אַלץ דאָס בלוט!"
און —
צונויפגעזאַמעלט האָט ער אַלע יונגע כהנים,
אַלע יונגע בתולות פון ירושלים,
אין ווי יונגע טויבען אויסגעשאָכטען.
שרעקליך האָט זיין שווערד געפאָכטען!
און דאָס בלוט פון נביא זכריה

י. אַדלער

האָט ניט אויפגעהערט צו זידען.
און —
נבוזראדן האָט געשאָכטען די נזירים,
און געפאנגען
די נביאים,
און פארשניטען זיי ווי זאנגען.
און וואָס מעהר ער האָט געשאָכטען
האָט זיך שטאַרקער איינגעפלאָכטען
אין נבוזראדען אַ געדאנק,
בייז און גיפטיג ווי אַ שלאַנג,
פינסטער ווי סוף־חודש־נאַכט.

און מיט בלוטיג־ווילדער לוסט,
קינדערלאך פון מוטער־ברוסט
געבראַכט
און ווי יונגע פויגעל
אָפּגעשלאַכט!
הונגעריגע אָדלערס
זיינען זיך צונויפגעפלויגען
און זיי האָבען
אַלע גאַסען צוגעדעקט.
אָהן אַ סוף האָט בבל׳ס חיל
אָנגעהויבען מאָרדען, רויבען,
און געשמעטערט טיר־און־טוירען,
און צובראָכען פענסטער־שויבען,
און אַ בלוט־שטראָם האָט געשלענגעלט
און פון היכל זיך געצויגען
און ניט אויפגעהערט צו זידען
האָט דעם נביא׳ס בלוט.
און —
ווייכער איז געוואָרען נבוזראדן׳ס שטיינער־האַרץ.

העלע פונקען פון רחמנות האָבען זיך געצונדען דאָרט.
ער האָט זיך צו דעם נביא׳ס בלוט געווענדט,
אויסגעשטרעקט די ציטערדיגע הענד
און אויסגערופען פול מיט טיפען שמאַרץ:
„זכריה! — — — זכריה! — — —
דאָס שעהנסטע וואס דיין פאָלק האָט נאָר פאַרמאָגט,
דאָס בעסטע וואָס דיין פאָלק האָט נאָר געהאַט,
אויסגעשאָכטען האָב איך — — —
אויסגעשאָכטען און פאַרטיליגט."
און זיין שטים האָט יאָמערליך געקלאָגט:
„זכריה! שטיל איין, שטיל איין דיין בלוט!
זאָל עס מעהר ניט זידען.
ווילסט איך זאָל דאָס גאַנצע פאָלק אומברענגען?"

* * *

און אין היכל איז געווארען ליכטיגער און ליכטיג.
ס׳האָט זיך אויסגעדאכט, עס שוועבט און פלאַטערט
אום אין מקום קדוש שטיל און רוהיג
א יונגער מלאך,
און פון זיינען ווייסע פליגעל
פאַלען פרישע, ווייסע רויזען,
און עס פלעכט זיך אויס א קראַנץ
פון ליבע און פון פרידען — — —
און דאָס בלוט פון נביא איז געווארען שטילער,
און אויפגעהערט צו זידען.
און מיט ליבע און מיט רחמים
אויף נבוזראדן׳ען געקוקט,
ווי א מוטער אויף א קינד.
און פון קריגער׳ס האנד געפאַלען
איז די שאַרפע שווערד,
און זיין קאָפ געבויגען האָט ער
טיף צו דר׳ערד.

י. אדלער

חצות

און שטיל איז די נאַכט, וואָס רוהט אויפ'ן פעלד,
קוים־קוים, וואָס דו הערסט ווי עס אָטעמט די וועלט,
עס נעהמט אין דער לופטען זיך בלויען;
און שטיל איז די נאַכט, נאָך שטילער ווי פריהער,
עס גיט זיך די בלויקייט צו מאָל ניט קיין ריהר,
קענסט הערען דאָס פאַלען פון טויען.

און שטילער ווערט נאָך און שטילער ווערט נאָך,
און האָסטו פון שווייגען דערגאַנגען דעם תוך
און האָסטו די שטילקייט פאַרנומען;
דאַן קענסטו שוין הערען אין שטילקייט פון נאַכט
ווי ס'אָטעמען קנאָספּען אין זיך נאָך פאַרמאַכט,
קענסט הערען דאָס וואַקסען פון בלומען.

און שטילער ווערט נאָך... און ס'בלאַנזשעט אין לופט
א זיסער, א שטילער, א קוויקענדער דופט,
די ריחות אין לופטען זיך וויגען —
שאַ, שטיל. וואָס איז דאָס? פון ערגעץ־וואו שוועבט
אין רוהקייט, אין בלויקייט און שפּינט זיך און וועבט
א הארציגער אידישער ניגון.

א וויינענדער ניגון, א ניגון פון חצות,
זיך טראָגט פון א אידישען פענסטער אַרויס
און וועקט אויף די בלויקייט, די שטילע.
און ווידער ווערט שטיל, נאָך שטילער ווי פריהער,
דו הערסט, ווי אויף פליגלען פון ריינעם זעפיר
עס פלאַטערט צום בורא א תפילה.

דער דיכטער־אָבל

א דיכטער האָט א פאָלק געהאַט,
און פאַר זיין פאָלק האָט ער אַמאָל
מיט בלוט פון הארץ, א הארץ־געזאַנג
אויף פּאַרמעט־בלאַט
ארויסגעגליהט.

און ס'האָט דעם דיכטער'ס אייגען פאָלק
זיין ליעד פארלאַכט, זיין וואָרט פארשפּאָט,
פארלאַכט זיין חלום און זיין גאָט,
זיין שטים פארשטיקט,
דאָס בלאַט צופליקט.

דער דיכטער האָט פון פּיין און צער
געטויט אין זיך דאָס הייליג וואָרט.
אין הארץ געמאַכט אַן איינזאַם אָרט,
זיין חלום טיף
באַגראָבען דאָרט.

מיין האַרץ

מיין האַרץ איז טיף, מיט סודות פול:
  דאָרט ברענט און גליהט אַ פלאַם;
עס צאַפּעלט דאָרט אַ טראָפּען פרייד,
  און לייד — אַ גאַנצער ים.

אַמ פליצט אַרויס פון טיפען האַרץ
  פון זון און ליכט אַ קוואַל,
אַמ רייסט אַ קללה זיך אַרויס
  אַ ביטערע ווי גאַל.

אַמ זינגט עס ווי אַ פויגעל זינגט
  אין פרישען, גרינעם וואַלד;
אַמ שלאָפט עס איין פאַר׳יאוש׳ט, מיעד,
  פאַרגליווערט, שטום און קאַלט.

צו אַ וואַנדער וואָלקען

זאָג מיר וואָלקען, גרויסער וואָלקען,
האָט דיין אייביג לאַנגער וואַנדער
כאָטש אַ ציל, אַ וועג?
דענקסטו גרויסער נע־ונד׳ניק
אַז דו וועסט אין בלאָנזשענען
קומען צו אַ ברעג?
האָט ווער פאַרטריבען דיך אַהער?
האָט אַ דונער דיך פאַריאָגט?
ס׳איז דער נע־ונד׳ניק שטום.
ער בלאָנזשעט אום און קלאָגט:
איך האָב קיינמאָל קיין היים געהאַט,
ווי אַן אָפּגעריסען בלאַט
בין איך ביים ווינט אַ שפּיל.
— — — — — — — —
אַלטער נע־ונד׳ניק וויין נישט!
איך בין עלענדער ווי דו...

י. אדלער

כ׳האָב אַ לעבען לאַנג גע׳חלום׳ט

כ׳האָב אַ לעבען לאַנג גע׳חלום׳ט,
נאָר דאָס לעבען ניט געלעבט;
יעדער טאָג פון לעבען האָט זיך
אין אַ נאַכט מיר אויסגעוועבט.

ס׳האָט די צייט מיך שטאַרק געעלטערט
און געמאַכט מיך שוואַך און מיד;
אויף מיין וואַנדער האָט באַגלייט מיך
נאָר אַ שוואַרצע אָבל־ליעד.

טיף אין האַרץ פאַרשטיקט געבליבען
איז דער הייליגסטער פאַרלאַנג;
און אויף אייביג האָט פאַרקלונגען
פון מיין ליעד דער שהענסטער קלאַנג.

אויף מיין וואַנדער־וועג, דעם שטילען,
אין דער איינזאַמקייט אַרום,
איז מיין האַרץ פאַרשטיינט געוואָרען,
און מיין צונג געבליבען שטום.

איהם חלום'ט איצט

וואָס רוישט אזוי דער אַלטער בוים
אין זאנפטען, שטילען וועטער?
איהם חלום'ט איצט אַן אָבל־טרוים:
עס פאַלען זיינע בלעטער.

עס ברעכען זיינע צווייגען זיך,
ער שטעהט איצט אין געפאַהרען.
זיין קראַפט, זי ווערט פארלאָרען גיך,
די וואָרצלען נעמען דארען.

דער פויגעל לאָזט זיין נעסט, זיין שטאַנד,
פארפליהט אין פרעמדע וועלדער;
און זינגט זיין ליעד אין פרעמדען לאַנד,
אויף פרעמדע, פרעמדע פעלדער.

און אויף א פרעמדען, פרעמדען בוים
הויבט ער זיך אָן צו וויגען;
פארגעסענדיג זיין אַלטען טרוים,
זיין אַלטער מאַמע'ס ניגון...

י. אדלער

די אידיליע פון בית לחם

ווייסע שלענגלדיגע וועגען
מיט דעם זונען־שיין באגאסען,
פיהרען צו די גערשטען־פעלדער,
צו די גאלד־באפארבטע זאנגען.
ברוינע שניטערינס און שניטער
מיט די סערפען פלינק באוועגען,
לוסטיג שניידען זיי די זאנגען
און צובינדען זיי אין גארבען —
און די שניטער־ליעדער קלינגען,
קלינגען אפ פון אלע זייטען,
און די ע כ א ס פון דער ווייטען
שיקען גריסען פון יהודה —
און בענעימות'דיג־באשיידען
ווי די ערשטע רויז פון ש ר ו ן,
שטעהט ביים זייט די צארטע טאכטער
ר ו ת, און שטראלט מיט רייגער אונשולד.

און בענעימות'דיג־באשיידען,
האלב צוטומעלט און צושראקען
הויבט זי אויף די אויגען איהרע
קוקט ארום זיך ווי פארבלאנזשעט,
און זי זעהט נאר פרעמדע זאנגען,
פרעמדע גארבען, פרעמדע פעלדער,
און די שניטער־ליעדער קלינגען,
פרעמד... דאך זאנפט און פול מיט ליעבע,
און די ווייטע בערג, די אלטע,
שיקען אפ צוריק די לידער
דורך וואונדערשעהנע עכאס...
און די שניטערינס און שניטער,

מיט די סערפּען פּלינק באַוועגען,
און עס מעהרען זיך די גאַרבען.
און אין מ ו א ב ׳ ס־טאָכטער׳ס אויגען
גלאַנצט אַ צווילינג פּעריל־טרערען.

פרום און הייליג איז געוועזען
יענע גאָט־געבענשטע רגע
ווען די טאָכטער פון בית־לחם
מיט דעם ליבען שעהנעם ב ו ע ז
זענען זיך צונויפגעקומען —
איינגעפלאַנצט איז דאָרט געוואָרען
מיט אַ הייליג־טיפער ליעבשאַפט
יענער קערענדיל פון לעבען,
פון יהודה׳ס שטאַם, דעם ריינעם,
איינגעפלאַנצט פון יונגע כחות.

אויף די פעלדער פון ב י ת ־ ל ח ם
אויף די רייכע בלומען־בייטען,
אין אַ ים פון וואונדער־פאַרבען,
אין אַ ים פון זונען־שטראַלען;
אויף די פעלדער פון ב י ת ־ ל ח ם
יונגע רויזען פון די קנאָספּען
מאַכען דורשטיג אויף די ליפּלאַך,
טרינקען אָן זיך מיט דער טוי־לופט,
און זיי ציהען צו די הימלען
שטעלען אוים די פרישע ליפּלאַך,
קושען זיך מיט זונען־שטראַלען,
און זיי שפּילען זיך מיט ווינטלאַך;
אויף די ברייטע גערשטען־פעלדער
צווישען שורות פרישע גאַרבען,
וואַנדערט, וואַנדערט מואב׳ס טאָכטער

י. פדלער

אין די שפּילענדיגע פאַרבען
פון די גרין־באַגראָזטע לאָנקעס,
און איהר הארץ, דאָס צאַרטע, ריינע,
זאַפּט זיך אָן מיט ליבע בילדער,
מיט דעם זיסען בשמים־אָטעם,
וואָר די מאָרגען־ווינטלאך ברענגען
פון דעם ירדן׳ס גרינע ברעגען
און יהודה׳ס בערג, די פרייע —

רות, דאָס שעמעוודיגע מיידעל,
ניט געקענט האָט ווי שולמית,
איבער בלומען־בערגלאך שפּרינגען,
שטיפען ווי א יונגע הירשין —
ווי פון אונשולד אויסגעגאָסען
איז געווען די שנור פון נ ע מ י .
אין א צייט פון רוה און פריידען,
ווען די אידען האָבען לוסטיג
זיך געזונגען פאַסטוך־לידער
אין די טאָלען פון יהודה —
דעמאָלט האָט זיך אויסגעשפּונען
די אידיליע פון בית־לחם.

עס רוישען די הייליגע בלעטער

מיין פעטער געווען איז דער עושר פון שטאָדט,
מען האָט איהם געשאַצט אין אלפים;
א לערנער א גרויסער, דער שטערען געקארבט,
און אויגען — צוויי שאַרפע חלפים.

צוויי שווארצע חלפים, וואָס האָבען געגליט
אזוי ווי ביים מורה־הוראה;
א באָרד אויך א שווארצע, נאָר פונקט אין דער מיט
געררוט האָט א פאַסמע א גראָע.

און נאָר ביים גמרא האָב איך איהם געזעהן
אזוי ווי א שאָטען זיך וויגען.
ווי הארצעדיג־זיס און ווי אומעטיג־שטיל
פלעגט לאַכטשען זיין הייליגער ניגון.

און לערנענדיג פלעגט ער אָפט בייטען דעם טאָן
און אָנהויבען פלוצים צו ברומען.
און ספרים, מיין פעטער, געהאַט האָט א סך,
זיי האָבען א ווענטיל פארנומען.

געקומען דער זומער, דער הימעל איז בלוי,
מען טראָגט שוין די ספרים אויף דרויסען;
זיי לופטערן אוים זיך. א ווינטעל, עס קומט
און בלעטערט א ספר א גרויסען.

ער בלעטערט דעם ספר, אָט לאָזט ער איהם שטעהן,
דאָס אלטע תנך'ל דערזעהט ער;
פארטיפט זיך דאָס ווינטעל מיט חשק אין איהם
און בלעטערט די הייליגע בלעטער.

י. פֿדלער

עס מישט זיי דער שטיפֿער אהין־און־צוריק,
אַט בלייבט ער אין מיטען דערינען;
און ווידער ער בלעטערט... עס דאַכט זיך ער וויל
דאָרט עפּעס אַ רמז געפֿינען.

און ווידער מיט אימפּעט ער מישט און ער מישט,
צועפֿענט דעם חומש דברים;
מישט איבער די שופֿטים, דעם גאַנצען תנ״ך,
אַט דאַכט זיך, שוין אַלצדינג איז קלאָר איהם.

און פּלוצים, ער טוט זיך מיט איינמאָל אַ לאָז,
צובלעטערט אַן אַלטע גמרא,
און מישט מיט התמדה — ער דוכט ווי ער זוכט
אַ פּשט׳ל, אַן אויבער־הסברה.

ער מישט און ער בלעטערט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט,
אַט האַלט ער ביי „אמר אביי״;
אַט געהט ער צום אַלטען תנ״כ׳ל צוריק
און מישט אַ קאַפּיטעל ישעיה.

אַט לאָזט ער דעם נביא ישעיה צורוה
און געהט צו דעם רמב״ם אריבער,
און טוט זיך צום מורה־נבוכים אַ נעם
און איילענדיג מישט ער איהם איבער.

פֿון מורה־נבוכים דער ווינטעל, ער שפּרייזט
און מאַכט שוין משונה העויות,
און בלעטערט דעם זוהר... און לאָזט איהם אויך שטעהן;
און זופּט שוין אַ פּרק משניות.

ער לאָזט דעם משניות אויף שטעהן אין דער מיט
און כאַפּט נאָר אַ קוק אין נדרים;
און פּלוצים, דער שטיפער משוגע נאָר ווערט —
צומישט מיט אמאָל אַלע ספרים.

עס רוישען פאַר׳דבק׳ט די בלעטער, און פרום,
זיי רוישען איצט אַלע צוזאַמען;
דער טאָג געהט אַריבער... און איבער׳ן וואַלד
עס צינדט זיך דער מערב אין פלאַמען.

די ספרים, זיי זיינען צוריק שוין אין שטוב,
און אַלעס פאַרוויגט איז אין שווייגען;
דאָס ווינטעל, וואָס האָט היינט די ספרים געמישט,
עס יאָמערט אצינד אין די צווייגען....

אין לאַנד פון דעם נביא

מיר חלום'ט: איך לעב אין אַ לאַנד, וואָס עס לעבט
נאָך דעם גייסט פון דעם נביא ישעיה:
פון יעטווידער שווערד איז אַן אַקער געמאַכט,
דאָס פאָלק פון דעם לאַנד איז אַ פרייע.

דער שלום צובליהט איז אין איטליכענס הארץ,
אין נביא איז אַלעמענס גלויבען.
איך קוק אויף אַ פעלז. ווי שעהן איז צו זעהן:
עס שפילט זיך אַן אָדלער מיט טויבען.

אַן אַדלער מיט טויבען און שעפּסען מיט וועלף,
און קינדער מיט גיפטיגע שלאַנגען;
דאָס אויער פאַרנעמט ניט קיין איינציגען זיפץ,
עס הערט נאָר די פויגעל־געזאַנגען.

און שניטערס און שניטערקעס שטעהען אין פעלד,
די זון שפּילט אין טויזענטער פאַרבען;
זיי שניידען דאָ גערשטען און קאָרן און ווייץ
און בינדען אין גאָלדענע גאַרבען.

זיי זינגען און לאַכען. און איבער דעם פעלד
צוגיסט זיך אַ יונגער געלעכטער,
פון שניטער און שניטערקעס, ברוין פון דער זון,
פון קרעפטיגע זיהן און פון טעכטער.

פון אידישע טעכטער מיט פעך־שווארצע האָר,
און אויגען נאָך מילדער פון טויבען;
נאָר שווארצער און טיפער און ליפּען פול זאפט,
ווי רויטע, און צייטיגע טרויבען.

ווי צייטיגע טרויבען, ווי קרעפטיגער וויין,
שולמית'עס רייצענדע גלידער;
און אַלע צוזאַמען, זיי שטעהען אין פעלד
און זינגען דאָרט אידישע לידער.

א נביא איז א נאר...

עם בליצט אין נביא׳ס אויגען אויף
א געטליך־פייער־פלאם;
זיין הארץ, עס שפרינגט פון ברוסט ארויס
און שטורמט ווי דער ים.
עס גלייכט זיך שטאלץ דער נביא אויס
און מעכטיג ווערט זיין קול;
און שיקט אראפ זיין געטליך ווארט
אין שטילען וויסטען טאל.

און קליינע מילבען־מענשעלאך
געבארענע אין צער,
זיי לאכען פון דעם נביא׳ס ווארט:
„א נביא איז א נאר...״

ביים תהלים

אין דעם אַלטען בית־המדרש,
ביי זיין שטענדער, נעבען עמוד;
רעכטס דער אַלטער אָרון־קודש
מיט זיין גוסס׳ען נר־תמיד;

זיצט מיין זיידע ביי דעם תהלים,
און צו גאָט אין הימעל בעט ער;
און זיין ווייסע באָרד צושפּרייט איז
אויף בן־ישי׳ס אַלטע בלעטער.

אויף די בלעטער פון דעם תהלים,
וואָס פאַרמאָגען אוצרות טרערען,
מעהר נאָך ווי דער ים האָט זעמדלאַך
און דער בלויער הימעל שטערען.

י. אדלער

דאָס אידיש קינד

א מוטער פון א טרערען־פאָלק האָט מיך געבאָרען.
א קינד בין איך פון וויינער און פון קלאָגער;
א זוהן פון די וואָס וואָגלען טויזענטער מיט יאָהרען,
וואָס שמ׳ען אין דער וועלט פאר אלטע קדיש־זאָגער.

געקומען אויף דער ווייסער וועלט בין איך אן אבל.
ארויס פון שטוב איז ערשט דער מלאך המות;
געטראָפען האָב איך אויף מיין וויג א שווארצען טאָוועל:
„אָה, יתום! געה אוועק אויף קבר אָבות״.

באגלייט מיין קינדהייט האָבען הייסע טרערען־קוואלען,
געטריפט פון שטיל־רחמנות׳דיגע אויגען;
א יעדער טרער, וואָס איז אויף מיר ארויפגעפאלען,
זי האָב איך מיט א טיפען וויטאָג איינגעזויגען.

אין געסעל האָבען שקצים מיר געוואָרפען שטיינער;
אין חדר האָט דער רבי מיך געשלאָגען —
א קינד בין איך, א זוהן פון וועלט־באריהמטע וויינער,
א קינד — געבאָרען נאָר צום קדיש זאָגען.

דער איד

דריי טויזענט יאָהר שוין מישט דער איד
די אַלטע בלעטער פון תנ"ך;
ער הערט אַ זיסע פלייטען־שטים,
די הייליגע נביאים־שפּראַך.

זיין הארץ צובליהט, זיין גייסט ווערט יונג,
זאַפּט איין אין זיך פון גאָט די שטים;
ער איז פארטיפט און האָט קיין צייט
צוזעהן וואָס ס'טוט זיך ארום איהם:

פיעל פעלקער ס'האָבען אויפגעבליהט,
געשארפט דעם שווערט, געוואָרען שטארק;
געוועזן אַ מאַכט און אָפּגעוועלקט,
ארונטער פון דעם פעלקער־מארק.

פיל העלדען ס'האָבן אויפגעשיינט,
זיך אויסגעפיינט אין פעלקער־שטרייט;
ציפלאַקערט זיך, פארלאָשען זיך,
און אָפּגעמעקט האָט זיי די צייט.

קיין צייט געהאט צו זעהן די שפּיל,
דאָס פאַלען פון זיין שונא'ס קאָפּ;
צוזעהן אַ פאָלק שטעהט אויף און פאַלט,
שטעהט ווידער אויף און גוס'עט אָפּ!

קיין צייט געהאט צו זעהן דעם האַס,
די קויל פון גיפט, די פייל פון שפּאָט;
ער האָט פארטיפט זיך אין תנ"ך
און אויסגעהערט דאָס וואָרט פון גאָט.

תשעה באב

עס זיצט דער איד און קינות זאָגט,
עס גיסט זיין אויג א הייסע טרער:
ניטאָ דער בית המקדש מעהר!

עס הערט דער איד דאָס לעצטע ליד,
דעם לעצטען קלאַנג ביי בבל'ס טייך —
זיין אויג איז פייכט, זיין פנים בלייך.

עס וויינט דער איד און בליבעט שטיל.
פאר זיינע אויגען מאָלט זיך ווילד
פון יענער צייט דאָס לעצטע בילד.

דאָס טרויער־בילד פון חורבן נאָך,
עס ציטערט אין זיין דמיון שארף:
א ווערבע און אויף איהר זיין הארף.

עס קומט א ווינט, בארירט די הארף,
א סטרונע טוט א זיפץ, א ברום,
א ברום און שטארבט, און ווידער שטום.

קהלת

אַ מענש! דו ביסט אַ קליינע שוואכע מילב!
א וויסטער חלום איז דיין לעבען נאָר;
אַ פארבענרייכער פוסטער זייפענבלאָז,
אַ שטויבעל פון אַ שטויבעל און ניט מעהר!

דו ביסט קיין יחסן ניט, דו מענשען־קינד,
געפינסט דיין סוף אין בוזעם פון דער ערד;
דער שווארצער קבר שטענדיג ווינקט צו דיר,
עס בלייבט אומשטערבליך נאָר דער טויט אַליין.

די אוצרות דיינע האָבען ניט קיין ווערט,
אַ בעטלער ביסטו מיט דיין גאנצען גאָלד;
אומגליקליך ביסטו מיט דיין גאנצען גליק,
און מיט דיין חכמה ביסטו דאָך אַ נאַר!

א שאטען פון א שאטען ביסטו, מענש.
דעם סוד פון לעבען וועסטו ניט דערגעהן.
דו ביסט א שפּילצייג אין דעם שיקזאל'ס הענט,
א בלינדער ווארים אין דער גרויסער וועלט!

דיך הויבט ארויף דעם לעבענס-שטורם-ווינט,
און ווארפט דיך ווי א פעדערל ארום;
און ווי א טרערעל אין דעם גרויסען ים,
אָ, ביסטו, מענש, אין חשבון פון דער צייט!

דו האָסט געשאפען געטער אָהן א שיעור,
און ניט פארבליבען איז פאר דיר א גאָט.
און טויזענט גלויבענס האָסטו אויסגעטראכט,
פאר זיך אליין קיין גלויבען ניט געלאָזט!

א שאטען פון א שאטען ביסטו, מענש.
א זעמדעל פון א זעמדעל און ניט מעהר.
און בלאָזט די צייט דיין מילבען-לעבען אויס,
די וועלט פארבלייבט זיך ווי געוועזען פריהער;

און ווי תמיד וויינט און קלאָגט דער ווינט;
עס זינגט דער פויגעל פונקט ווי פריהער זיין ליד;
דער בית-הקברות האָט א קבר מעהר,
און קיינער ווייסט נישט אז עס פעלט א מענש;

י. ל. פרץ

ווי א וואונדער־ליד, ווי א פלייטען־שטים,
ווי א הארפען־קלאנג, האט צוקלונגען זיך
אין די הימלען ווייט, אין די הימלען הויך
דעם באשעפער'ס קול צו מלאכים'לאך :
„אונזער פרץ קומט ! אונזער פרץ קומט !"

און אין זונען־גלאנץ, און אין שטראלען־טאנץ,
אויף א וואלקענדעל, ווי א ליליע ווייס,
קומט צו פלאטערען יונג און שיינענדיג
יונג און שטראלענדיג, ווי א פייער־זייל,
אונזער פרץ גלייך צו דעם שכינה־קוואל.

נעהמט דער בורא באַלד מיט אַ פרייד איהם אויף
און צוקושט זיך היים מיט זיין ליבען גאַסט.
און דעם בורא'ס קוש קלינגט אין הימעל אַפּ
און צוגיסט זיך דאָרט ווי אַ רויזען־דופט,
ווי אַ בשמים־הויך.

ווי אַ פליימען־שטים, ווי אַ האַרפען־קלאַנג,
רופט דער בורא אויס: „הערט מלאכים'לעך!
זעצט זיך אַלע אויס אויף די וואָלקענדלאַך,
אויף די גילדערנע, אויף די פּורפּערנע,
וואָס זיי הענגען דאָרט איבער מערב־זייט.

„איך וויל לייענען אייך היינט אַ מעשה'לע,
אַ פאָלקס־מעשה'לע, וואָס געשפּונען האָט
אָט־דער גרויסער מענש, אָט־דער שעהנער גייסט.
פון זיין טיפען הארץ, פון זיין ליבער זעל,
ווי אַ העלער בליץ, ווי אַ דימענט ריין...”

און מיט געטער־שטאָלץ האָט געלעזען גאָט
פאַר די כרובים'לאַך און מלאכים'לאַך
אונזער פּרץ'עס וואונדער־מעשה'לאַך,
און אַ יעדעס וואָרט האָט געפּערלט זיך
און צוגאָסען זיך ווי אַ רויזען־דופט.

און געזעסען איז אונזער פּרץ דאָרט,
און די אויגען פול ליבע שמייכעלאַך.
און די כרובים'לאַך און מלאכים'לאַך
האָבען צונעפּאַטש מיט די פליגעלאַך
און געבעטען נאָך, און געבעטען נאָך...

אין פלאַנטער

י. אדלער

כ׳בין א פייער־דאָרן

כ׳לייכט אין וויסטען מדבר
ווי א פייער־דאָרען.
ברענען וועט דאָס פייער
ביז איך געה פארלאָרען.

ס׳וועט דער ווילדער פלאַקער
אייך א בשורה זאָגען:
ווען די נאַכט זיך ענדיגט
און עס הויבט אָן טאָגען.

מיט מיין העליש־פלאַקער
וועל איך תמיד ברענען;
אין די ווילדע פלאַמען
וועט איהר מיך דערקענען!

א י י ב י ג

„ווען וועט ער ענדיגען זיין ליד
דער דיכטער? — איהר פרעגט: ווי לאַנג
וועט קלינגען אין דער לופט זיין שטים,
זיין הײם און גליהענדיג געזאַנג?

— כל זמן דער מענש וועט לעכצען נאָך
דעם גאָלד און גליה פון פריהלינגס־שטראַל,
און פרעמד וועט זיין פאַר איהם דאָס פעלד
און פרעמד וועט זיין פאַר איהם דער קוואַל;

כל זמן דער דונער און דער בליץ
וועט שרעקען הימלען מיט געוואַלד;
כל זמן דאָס ליעד פון סאָלאָוויי
פאַרטרילען וועט דעם גרינעם וואַלד;

כל זמן עס וועט פון שטערען־שריפט
אין הימעל זיין געשריבען דאָרט
א מעשה'לע פון גאָט געשפינט,
דער מענש פאַרשטעהן וועט ניט א וואָרט;

כל זמן די ערד ארום דער זון
וועט מאַכען אַלץ דעם זעלבען גאַנג —
ביז דאַן, אָ, ביז צום לעצטען דור,
וועט לעבען, לעבען, זיין געזאַנג!

י. אדלער

אין דער ווייטקייט

אין דער ווייטקייט שפּילט אַ פידעל,
ערגעץ טרילערט דאָרט אַ פליים,
ערגעץ הערשט אַ גרויסע שמחה
און אַ פרייד.

ערגעץ זיצט אַ יונגער חתן,
יונג און שטאָלץ און פרום און שעהן,
לעבען חתן טרוימט אַ כלה
מלא חן.

פירט מען ס'פּאָרעל צו דער חופה,
חן און פרייד אין זייער בליק —
אויסגעפּוצטע שעהנע אידען
ווינשען גליק.

כ׳האב געוואגעלט

כ׳האב געוואגעלט לאנגע יאהרען,
איצטער בין איך מיד.
ווינטען, ווינטען, נישט פארוועהעט
מיינע מידע טריט.

כ׳האב געזונגען פון יסורים,
איצטער בין איך מיד.
שטורעם, שטורעם! אפשר קענסטו
ענדיגען מיין ליד?

כ׳האב געיאמערט... און די טרערען
קומען שוין ניט מעהר;
גרויסער בורא! זעה באשיצען
יעדע, יעדע טרער...

זאלען מיינע ליבע קינדער
געהן אין מיינע טריט;
זאלען מיינע ליבע קינדער
נאכזינגען מיין ליד...

כ׳קען דאָס ניט פארשטעהן

כ׳קען דאָס ניט פארשטעהן:
זאָל דאָס זיין א צופאַל בלויז?
בעט איך ביי דער וועלט א רויז,
ווארפט זי מיר א שטיין.

ס׳איז דער אומגליק גרויס;
תמיד שטעהט ער אויף דער וואך;
וויל איך טאָן אמאָל א לאך,
קומט א זיפץ ארויס.

זיפץ איך און איך טראכט:
ס׳וועט די וועלט א מאָל א דאנק
געבען מיר פאר מיין געזאנג —
הער איך ווי מען לאכט...

כ׳קען דאָס ניט פארשטעהן:
זאָל דאָס זיין א צופאַל בלויז?
בעט איך ביי דער וועלט א רויז,
ווארפט זי מיר א שטיין!

עס שלעפּען זיך די יאָהרען

עס שלעפּען זיך יאָהרען באַלאַדען
מיט טרויער,
און גרויער און גרויער עס ווערען
די האָר ;
און יאָהרען פון ליידען און רגע'ס
פון נחת,
זיי פיהרען צום קבר אַ דור נאָך
אַ דור...
עס קראַקען וואַראַנעס פון וועלקען,
פון שטאַרבען,
עס טויטען די ווינטען אַ בלום
נאָך אַ בלום ;
עס קלינגען נאָר לידער פון פינסטערע
קברים,
די לידער פון לעבען, זיי זיינען
איצט שטום...

י. ערלער

ווען איך שטאַרבען

ווען איך שטאַרבען, וועט מיין מאַמע
וויינען פיל.
וועט פון קאָפּ די האָר זיך רייסען
און די פינגער-נעגעל בייסען
און פאַרברעכען מיט די הענד,
וואָס זי האָט צו מיין לויה
נאָכגעהן נים געקענט.

וועט דער טאַטע דאָס דערהערען,
וועט ער בליבען שטיל.
הייליג-טיף וועט זיין זיין טרויער
און זיין קאָפּ וועט ווערען גרויער,
און פון פּנים — טויט די פאַרב,
און באַקומען וועט זיין שטערען
נאָך אַ טיפען קאַרב...

און דער רעגען פאַלט

פאַלט און פאַלט א דראבנער רעגען,
פאַלט ער שטיל און קאַלט,
בלאָנדזשע איך אַרום אין רעגן
אין אַ טיפען וואַלד.

און עס שטעהט דער וואַלד אין אומעט,
איינגעהילט אין שוואַרץ.
„אייביג וועסטו דאָ שוין בלאָנדזשען",
זאָגט צו מיר מיין האַרץ.

„האָט דער הימעל גאָר קיין שטערען
קיינמאָל ניט פאַרמאָגט?"
„ניין", מיר ענטפערט אָב דער חושך,
און דער וואַלד, ער קלאָגט.

„וועט שוין קיינמאָל טאָג ניט ווערען?"
פרעג איך ביי דעם וואַלד —
„ניין", מיר ענטפערט אב דער חושך,
און דער רעגען פאַלט...

י. אדלער

ס'איז קאַלט

ס'איז קאַלט.
אַ דינער רעגען פּאַלט.
און געשטאַלטען פון טומאַנען
שפּרייזען אום אין וואַלד.
ס'איז קאַלט און שטום.
גרויע שאָטענס קריכען אום,
וויקלען יעדען בוים אַרום.
אין דעם טויטען וואַלד
טראָגט זיך אום אַ זשום:
ס'איז קאַלט.

ס'איז קאַלט.
עס פריהרט מיין האַרץ.
עס קלאָגט דער וואַלד,
מיין האַרץ זאַפּט איין
דעם וואַלד'ס געוויין...
נייע שאָטענס קומען אָן
אין טויטען וואַלד צוגעהן,
און יעדער שאָטען פון זיין בוים
לייגט זיך אויף מיין האַרץ
נאָך שווערער פון אַ שטיין...

אויף מיין קבר

ווען די לעצטע שעה וועט קומען
און מיין האַרץ וועט ווערן שטום,
וואָלט איך ווינשען אויף מיין קבר
בליהען זאָל אַ רויטע בלום...

און די בלום זאָל תמיד בלייבען
עלענד, עלענד און אַליין ;
ניט באַזונגען פון קיין פייגעל,
ניט געגלעט פון זונענשיין.

פון קיין מענשען־ליפּ געשמייכעלט,
פון קיין טראָפּען טהוי גענערט —
הענגען זאָל איהר קעפּעל טרויעריג
צו דעם שטומען בערגעל ערד...

י. אדלער

האָב איך פארלאַנגט.

האָב איך פארלאַנגט אַ בלום ביי גאָט,
האָב איך אַ שטיין באַקומען;
האָב איך געבעטען ליכט ביי איהם,
איז גאָר די נאַכט געקומען.

האָב איך געזאָגט צו גאָט: „מיין האר,
אין גליק נור וויל איך לעבען";
האָט גאָט מיין תפלה אויסגעלאַכט
און אומגליק מיר געגעבען.

האָב איך געוואָלט מיט טיפען וועה
דאָס אומגליק מיינס באַוויינען;
האָט אויפגעשיינט דאָס גליק פאַר מיר
מיט טויזענד, טויזענד חן'ען.

האָב איך אַ ליד, אַ לויב געזאַנג,
דערפאַר געוואָלט איהם שיקען;
איז באַלד דאָס גליק אַוועק פון מיר
און אויס מיט מיינע גליקען!

אייז און זעכציג

זייט געזונד

זייט געזונד!
איך קען דאָ ניט פארבלייבען.
איך גיה אין פעלד די ראָסע קלייבען
און וואשען מיט דער ראָסע מיין געזיכט
און באגריסען דאָס ליכט!

זייט געזונד!
איך קען דאָ ניט פארבלייבען.
איך גיה אין גאָרטען רויזען קלייבען
און חלומ'ען א חלום
פון ליכטיגקייט און שלום.

ערגעץ ווארט

ערגעץ ווארט א בייזער שניטער
אויף דער זאנג;
אין דער האנד א קאָסע האלט ער
שארף און בלאנק.

טאָג און נאכט ער היט די זאנגען,
טאָג און נאכט;
פרופט די קאָסע אויפ'ן נאָגעל
און ער לאכט.

און די זאנג, זי שפילט זיך אום מיט
זון און ווינד —
וועה, ווי קורץ די זאנגען לעבען
טייער קינד!

בעט זיך אַ בוים

בעט זיך אַ בוים ביים באַשעפער אין הימעל:
צום לעבען גיב קראַפט;
די וואָרצלען וואָס גיבען מיר בליהטען און בלעטער,
זיי דורשטען נאָך זאַפט.

אָה, לאָז מיינע וואָרצלען ניט אויסגעהן פאר הונגער,
אַלמעכטיגער האר!
און בענש מיינע וואָרצלען מיט זון און מיט רעגען,
פערהיט פון געפאהר!

י. אדלער

לעבען און טוידט

אָה, אָרימע שעפעלאך מיינע!
ווי שעהן איז די לאַנקעביים טייך,
מיט גראָזען און בלימעלאך רייך;
אָה, אָרימע שעפעלאך מיינע,
עס ווארט שוין דער שוחט אויף אייך!

אָה, זינגענדע פויגעלאך מיינע!
איהר טאַנצט אויף די קודלעס פון וואלד,
פון זון־שיין און גינגאָלד באשטראַלט;
אָה, זינגענדע פויגעלאך מיינע,
דער יעגער, דער יעגער קומט באלד!

אָה, זילבערנע טייכאלאך מיינע!
ווי שטיל און ווי הייליג איהר זשומט,
ווי גיך איהר וועט ווערען פערשטומט;
אָה, זילבערנע טייכאלאך מיינע,
א ווינטער, א גרויזאמער קומט!

פליק איך אָפּ אַ רויז

פלאַמט אַ רויטע רויז אויף איהר רויזען־קוסט ;
פליק איך אָפּ די רויז — וועלקט זי אויף מיין ברוסט.
וועלקט זי אויף מיין ברוסט אָהן אַ טראָפּען טוי.
אָהן אַ שטראַל פון זון — וויינט דער קוסט אַזוי.
וויינט דער קוסט אַזוי... וויינט דער זומער־ווינד,
ווי אַ מאַמע, וויינט ווען עס שטאַרבט איהר קינד.

אָרים בין איך

אָרעם בין איך, אָרעם!
אָרעם ווי א בלינדער וואָרעם
בין איך, גאָט, א צינד;
כ׳זעה קיין הימעל, כ׳זעה קיין שטערען.
גאָט אין הימעל וואָס וועט ווערען
פון דיין אָרעם קינד?

וויל איך געהן דער זון אנטקעגען,
ליגען שלאַנגען אויף די וועגען,
מוז איך בלייבען שטעהן.
און דער וועג, וואו כ׳האָב געטראָכטען.
האָבען ווינטען שוין פארשאָטען,
כ׳קאָן צוריק ניט געהן.

שטעה איך אין א נעץ פון וועגען,
כ׳האָב ביי קיינעם ניט צו פרעגען,
פיידען ביי דעם ווינד;
וויינען? — האָב איך ניט קיין טרערען —
גאָט אין הימעל! וואָס וועט ווערען
פון דיין אָרעם קינד?

אייביגער שבת

איך וויל ניט קיין מאַכט און איך בעט ניט קיין געלד.
איך ווינש בלויז צו האָבען אַ שטיבעל אין פעלד,
אַ גאָרטען מיט בוימער און בלומען אַ סך
און טייבעלאך ווייסע ביי מיר אויפ'ן דאַך.

דער דאַך פון דעם שטיבעל מעג זיין זיך פון שטרוי
און וואוינען זאָל דאָרטען בלויז איך מיט מיין פרוי;
און איבער אונז ביידען — די זון מיט איהר שיין,
און תמיד אין שטיבעל נאָר שבת זאָל זיין.

ווי אַ זעמדעל אין דער מדבר

אין דער ריזען־שטאָדט דער גרויסער
בין איך גראָ געוואָרען ;
ווי א זעמדיל אין דער מדבר
בין איך דאָ פארלאָרען.

ווי א זעמדיל אין דער מדבר
פון א ווינד געטראָגען,
האלטען מיר דאָ בייזע ווינטען
תמיד נאָר אין יאָגען.

און איך וואָגעל אין דעם מדבר,
כ'זעה קיין ציעל, קיין ענדע ;
און מיר דאכט זיך, אז דאָס לעבען
איז א צער־לעגענדע.

די זון פארגעהט

די זון פאַרגעהט.
דער הימעל צינדט די שטערען אָן
מיט שטילער פרייד.

אַ שטערען ווינקט.
עס שפרייט זיך אויס אַ שטילע נאַכט,
דער שטערען זינגט.

ער זינגט צו גאָט.
ער זינגט און בעט, וואָס בעט ער גאָט?
דאָס בלייבט אַ סוד.

צווישען הויכע בערג

צווישען הויכע בערג,
צווישען פעלזענשטיין
וואנדער איך ארום,
בלאנדזשע איך אליין.

בלאנדזשע איך אליין,
פון דעם לעבען מיד,
ס'האט מיין יוגענד שוין
לאנג, שוין לאנג פארבליהט.

לאנג שוין לאנג פארבליהט,
איך געדענקט זי קוים.
ווי א בליץ אוועק,
ווי א קורצער טרוים.

ווי א קורצער טרוים,
ווי א פונק אין נאכט;
און אין מערב־זייט
זינקט די זון אין פראכט.

זינקט די זון אין פראכט,
פארבט דעם הימעלס זוים.
אויך די זון פארגעהט
ווי א שעהנער טרוים.

כ'וויל ניט וויינען ווי איהר וויינט

כ'וויל ניט וויינען ווי איהר וויינט.
אייער טרער, זי רינט און פאַלט
אויף די שטיינער פייכט און קאַלט;
אויף די שטיינער פון דער שטאָדט,
ווייט פון בלומען, ווייט פון גאָט.

כ'וויל ניט וויינען ווי איהר וויינט.
אייער טרער וואָס קומט פון נויט,
פאַלט אַרונטער גלייך אין קויט,
ווערט מיט בלאָטע אויסגעמישט
און פון פרעמדע טריט פערווישט.

כ'וויל ניט וויינען ווי איהר וויינט.
אויף גאָט'ס שעהנע, שעהנע וועלט,
אויף א בליהענדען פעלד,
פאַלען זאָל מיין טרער דאָרט שטום
אין א בעכער פון א בלום...

י. אדלער

פרעגט מיין קינד

— פאַרוואָס איז דאָס ליכט אויסגעגאַנגען?
— ווייל איך האָב עס פאַרשטעלט פון דער לופט,
און זיין פלעמעל באַשיצען געוואָלט —
דערפאַר איז דאָס ליכט אויסגעגאַנגען...

— פאַרוואָס האָט דאָס בלימעל פאַרוויאַנעט?
— ווייל כ'האָב עס פון שטענגיל געפליקט,
און מיט ליבע צום האַרצען געדריקט.
דערפאַר האָט דאָס בלימעל פאַרוויאַנעט...

— פאַרוואָס איז מיין מאַמע געשטאָרבען?
— ווייל גאָט האָט דיין מאַמען געליבט,
ווי אַ הימלישער גאָט איהר געליבט,
דערפאַר איז דיין מאַמע געשטאָרבען...

דריי און זיבעציג

אַלץ פאַרגעהט

די בלום פאַרגעהט, איהר דופט פאַרגעהט,
עס שטאַרבט די זאַנג, דעם טייכעל'ס גאַנג.
עס שטאַרבט דער שמייכעל און דאָס גליק,
אַלץ פאַרגעהט אין אויגענבליק...

פון ערגעץ־ווייט זיך הערט אַ שטים:
פאַרגעה, דו מידער מענש, פאַרגעה.
אין האַרצען בלויז עס שטעלט זיך אָפּ
אַ טיפער פיין, אַ טיפער וועה.

דער פיין, דער וועה, אין קראַנקען האַרץ,
ער שטאַרבט נישט, ניין! ער בליהט און בליהט.
און ווייטער בלייבט קיין זאַך ניט שטעהן —
אפילו גאָט ווערט אונטערגעהן...

י. אדלער

איצטער

גיט מיר איצטער אלע בלומען,
וואָס איהר ווילט מיר געבען.
ווארט ניט ביז איך ווער אנשלאָפען
און דער טויט נעהמט וועבען
זיינע קאלטע, שווארצע נעצען
אויף די ברעמען מיינע.
גיט קיין בלומען־קראנצען דארפען
מיינע טויטע הענד; עס וועלען
זיי ניט זעהן די אויגען;
איצטער גיט מיר אלע קראנצען,
וואָס איהר ווילט מיר געבען:
בלומען בלאָע, ווייסע, רויטע,
פארביג ווי דער רעגענבויגען.
גיט זיי מיר ביים לעבען!

אָ, גאָט!

ניט אַנדערש, גאָט דו ביזט אַ לץ,
געפאַנגען האָסטו מיך אין נעץ,
און מיך, דעם מענש, אַרויסגעשטעלט
צו זיין דער שומר פון דיין וועלט!

עס טהוט מיר באַנג וואָס איך האָב לאַנג
געהיט אַן אויסגעדרעשטען זאַנג,
אַ לאַנג־שוין אויסגעזונגען ליד,
אַ בלום וואָס האָט שוין אָפּגעבליהט.

אַ פלאָם, וואָס האָט שוין אָפּגעפלאַמט,
אַ מענשען־טראָט אין מדבר־זאַמד,
אַ טרעל, וואָס האָט שוין אויסגעטרעלט,
און אויסגעווינטען ווינט אין פעלד.

אָ, גאָט, דו האָסט נור שפּאַס געמאַכט;
איך האָב געהיט און לאַנג בעוואַכט:
אַ פעלד פון אָפּגעוועלקטען גראָז,
אַ לאַנג־צופלאַצטען זייפען־בלאָז...

דאָס וואַסער אין אַ לערע זיפּ,
דאָס שמייכעל פון אַ גוסס־ליפּ;
און אויגען־בליק וואָס איז אַוועק,
אַ זונה'ס ריינעם בושה־פלעק...

די שטימע אין דעם וויסטען סטעפּ,
דעם זייגערס מאָנאָטאָנע קלעפּ,
וואָס זיינען לאַנג־שוין לאַנג אַוועק
און אָפּגעצעהלט מיר מיינע טעג...

צו אַ פריינד

ניט קיין טרויער־קראַנצען, ניט קיין בלומען־קראַנצען,
זאָלסטו, גוטער פריינד, מיר אויף מיין קבר לייגען ;
בעסער זאָלסטו מיר אַ קאַרשען־בוימעל פלאַנצען
וואָס דאָס מינדסטע ווינטעל זאָל עס קענען בייגען.

און דאָס יונגע קאַרשען־בוימעל זאָלסטו שיצען ;
ווי אַ גוטע מאַמע טריי און ליב עס היטען ;
וועט דער פריהלינג קומען, וועט דאָס בוימעל בליהען ;
וועט מיין קבר רוהען אונטער ווייסע בליהטען...

ווינטער און זומער

י. אדלער

אוים זומער

ס׳האָט דער זומער אונז געשאָנקען
אַלעס וואָס ער האָט געהאַט,
איצטער מישט אין לעבענס־ספר
עמיץ אויף אַ נייעם בלאַט.

וויסט דאָס פעלד און צוגענומען
איז דער לעצטער, לעצטער גאַרב.
און דער וואַלד, ער שטעהט געוויקעלט
אין אַ טויטער קופּער־פאַרב.

קאַלטע סליחות־ווינטען ברענגען
לאַנגע נעכט און קורצע טעג —
אַלע נעסטען שוין פאַר׳יתום׳ט,
אַלע פייגעל שוין אין וועג.

אָפּגעשטאָרבען איז דאָס לעבען,
אָפּגעבליהט די לעצטע רויז —
און איך פיהל זיך ווי אַן אבל
ווען דער מת ליגט נאָך אין הויז.

סליחות־צייט

דער וואַלד, ער שטעהט אין בראַנד געהילט ;
זיין ליד פון פרייד איז אָבגעשפּילט ;
ס'איז אבל'דיג דער וועטער ;
די נאַכט פאַר'יתומ'ט איז און קאַלט,
אַן אלול'דיגער רעגען פאַלט,
עס פאַלען אויף די בלעטער.

אַ קול פון שופר שפּאַלט די לופט,
און ווי יללה'דיג ער רופט
און קלאָגט מיט אימת מות !
דער הימעל אויבען — קאַלט און גראָ ;
און אויף דער ערד — קומט אָן די קראָ ;
מען געהט אויף קבר־אבות.

דער שטראָם, וואָס האַט מיט לוסט געטאַנצט
פון פעלז אַראָפּ, מיט זון־באַגלאַנצט,
ער רוישט אצינד מיט קומער ;
אַ טויטען־ליד דער טייך, ער קלאָגט,
און יעדער וועל, מיר דאַכט, עס זאָגט
אַ קדיש נאָך דעם זומער.

אין האַרצען וועלקט דער לעצטער טרוים,
עס שטאַרבט די פרייד, די בלום, דער בוים,
עס שווינדט דעם זומער'ס יחוס ;
די נאַכט איז יתומ'דיג און קאַלט,
אַן אלול'דיגער רעגען פאַלט
און ווינטען זאָגען סליחות...

קרעכצט אַ פויגעל

קרעכצט אַ קראַנקער פויגעל
אין דעם וואַלד אַליין ;
און די בלעטער רוישען :
„פויגעל, וועסט פאַרגעהן“.

„וועסט פאַרגעהן, דו קראַנקער,
ווינטער קומט אַצינד —
אויך מיר בלעטער שטאַרבען,
ס׳פליקט אונז אָב דער ווינד“.

און די בלעטער פאַלען,
בלעטער גאָלד און רויט ;
אין דעם וואַלד דעם שטילען
שפרייזט ארום דער טויט...

די קראָה

קראַ-קראַ! שרייט אוים מיט פרייד
די אַלטע שוואַרצע קראָה.
ס'איז ביי איהר א שמחה היינט,
דער אָסיען איז שוין דאָ!

קראַ־קראַ! שניידט דורך די לופט —
און פון דער קראָהס געשריי,
פליהט, פון שרעק, פון וואלד אוועק
דער זיסער סאָלאָוויי.

קראַ־קראַ! גרילצט אָפּ איהר שטים —
א סוף צום שעהנעם טרוים!
עס וועלקט די רויז, דער בלומען־קוסט,
די בלעטער אויפ'ן בוים.

קראַ־קראַ! זעגט אוים די קראָה —
עס איז איהר יום-טוב היינט...
עס זינגט דער ווינט אַ טויט געזאַנג.
אַ קברות ליד, און וויינט.

י. ערליער

דער חשון ווינד

צום חשון־ווינד האָט גאָט געטאָן אַ שטרענגען זאָג:
וואָס ליגסטו, פוילער! געה און שטורם אויף די וועלט,
און שאָקעל אָפּ פון בוים און וואַלד דאָס לעצטע בלאַט,
און יעדער נעסט צוברעך און אָטעם אוים דיין קעלט!

דער חשון־ווינד האָט אויסגעפאָלגט דאָס וואָרט פון גאָט
און באַלד זיך אָפּגעריסען פון דער שווערער קייט;
און איצטער שטעהט ער ביי מיין פענסטער שפּעט ביי נאַכט
און קרעכצט אוים פּחד־לידער אויף זיין שווארצער פלייט.

פון זיינע לידער וויינט און קלאָגט די אָסיען־נאַכט,
פון זיינע מעלאָדיען הויכט אַ טיפער פּיין;
די טענער זיינע ברעכען דאַרע צווייגען אָפּ
און וואַרפען זיי מיט אימפּעט מיר אין שויב אריין.

ער שפּילט, ער שפּילט, דער חשון-ווינד, זיין אומעט־ליד;
פון יעדען טאָן באַזונדער קרעכצט ארוים אַ וועה;
אין יעדען וועה באַזונדער זיפצט אַ וועלט־געבעט:
אָה, גאָט, ניט איַיל זיך מיט דיין בייזען פראָסט און שנעע!

דער חשון־ווינד הערט אוים זיין אייגען פּיין און שפּילט,
ער פייפט און שפּילט זיין ליד פון טיפען לייד.
און שווארצער ווערט די נאַכט און שווארצער נאָך זיין ליד
און פינסטערער דאָס שלוכצען פון זיין שווארצער־פלייט..

דער סוד

עס האָט פון בוים אראָפּגעוועהט דעם אָסיענס שעהנסטער בלאַט,
עס האָט דאָס בלאַט ארום זיין ברעג אַ גאָלדען ראַם געהאַט.
אין דער מיט — אַ רויטע האַרץ,
נעבען האַרץ — אַ קופּער-פלעק,
ס'שטענגעל — דין און שוואַרץ.
דאָס בלאַט, עס האָט געקוקט צום בוים, געקוקט געבענקט צוריק צום טרוים.
שעהנער בלאַט! דו הערסט עס קומט דער ווינד און ברומט:
— ביזט רייך אין גאָלד, ביזט רייך אין פאַרב, דאָך שטאַרב, דאָך שטאַרב?

י. אדלער

גאָלדיג איז דער בלעטער־טויט !
— וואָס איז דער טויט ?
— אַ שוואַרצער סוד !
אין וואַלד איז וויסט, אין וואַלד איז שטום, איך וואַנדער אום.
איך זעה אַ פויגעל דאָרטען שטעהט און ציטערט אום פון קעלט,
אליין, אליין אין אָסיענס־וועלט.
עלענדער ! ביזט פון לעבען מיד ? איז פארשטאָרבען שוין דיין ליד ?
האָט דיין הערצעל אָפּגעבענקט ? האָט דיין טרוים שוין אָפּגעבליהט ?
— ס׳קומען אָן די בייזע פרעסט, ניטאָ קיין נעסט, ניטאָ קיין נעסט.
מיין מאמע האָט געלאָזען מיך אליין,
אליין, אין וויסטען וואַלד אליין.
איך וועל פארגעהן, איך וועל פארגעהן !
פון ערגעץ ווייט קלינגט אָפּ אַ שטים : דו וועסט פארגעהן,
דו וועסט פארגעהן אין וויסטען וואַלד אליין.
איך בין ארויס פון טויטען וואַלד, געבלימעלט האָט די וועלט.
איך האָב דערזעהן אַ יונגע זאַנג זיך וויגען אויף דעם פעלד.
אַ שטאָלצע זאַנג, אַ זאַנג אַ פראַכט !
נישט ווייט פון איהר געשטאַנען איז
דער שניטער און געלאַכט...
די זון, זיך לעשט, עס קומט די נאַכט, דער הימעל בלוטיגט רויט.
עס צאַנקט דער מענש, עס צאַנקט די וועלט, עס צאַנקט די זון מיט טויט.
עס איז איהר בעט, איהר טויטען־בעט, מיט שרענגעס־בערג ארומגעשטעלט
און אָטעמט אוים איהר לעצטען פלאַם און לאָזט נאָך זיך אַ גראָע וועלט.
ס׳איז נאַכט.
אַ צפון ווינטעל קיהלט.
עס שטעהט די זאַנג אין שוואַרץ געהילט.
דער שניטער שטעהט און לאַכט.
עס לאַכט, עס לאַכט דער קאַלטער טויט.
— וואָס איז דער טויט ?
— אויפ׳ן שאַרף פון קאָסע הענגט דער סוד !

לבנה־שטויב

פליען שנעעלאך פון הימעל,
טראכט איך: ווייסע שמעטערלינגען;
טראכט איך: ווייסע פייגעל פליען;
בלייבט עס: ווייסע פייגעל פליען.

ניין, דער שנעע איז פיל נאך שעהנער!

מעק איך אוים די שמעטערלינגען
און פארשרייב מיר:
עמיץ האט גענומען ווייסע טויבען,
זיי די פליגעלאך צוריסען,
יעדעס פעדעריל באזונדער
שטיל צוואווארפען אויף דער וועלט.
בלייבט עס: ווייסע טויבען.

ניין, דער שנעע איז פיל נאך שעהנער!

מעק איך אוים די ווייסע טויבען
און פארשרייב מיר:
ס'האט דער בורא אויסגעקליבען
פון זיין גרויסען בלומען־אוצר ווייסע רויזען
און באפוילען זיינע ווינטען
זיי צוואווארפען אויף דער וועלט.
בלייבט עס ווייסע רויזען.

י. אדלער

נײַן, דער שנעע איז פ י ל נאָך שענער!

מעק איך אוים די ווײַסע רויזען
און פאַרשרײַב מיר:
ס'האָט דער בורא אויסגעקליבען
פון זײַן גרויסען בלומען-אוצר ווײַסע ליליען,
וואָס פון רויזען זײַנען ווײַסער,
אויסגעפליקט פון זיי די בלעטלאַך,
איטליכס בלעטעלע באַזונדער
מיט די פינגער אָנגענומען,
מיט זײַן אָטעם זיי צובלאָזען
אויף דער ווײַטער, ווײַטער וועלט.
בלײַבט עס: ווײַסע-ליליען.

נײַן, דער שנעע איז פ י ל נאָך שענער!

מעק איך אוים די ווײַסע ליליען
און פאַרשרײַב מיר:
אויף דעם בלאָען פאָן פון הימעל,
אין אַ קאַלטער נאַכט, אַ שטילער,
האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט
אפשר אַ מיליאָן לבנות
צו באַזילבערען די ערד,
פּלוצים האָט אַ בליץ געגעבען,
ווי אַ שלאַנג פון בלאָען-פײַער
האָט דער בליץ אַ פליה געטאָן,
זיך מיט קראַפט אַרײַנגעריסען
אין דער מחנה פון לבנות
און צושמעטערט זיי אין שטיק.
בלײַבט עס: שטויבלאַך פון לבנות.

מ כ ש פ י ם

א ווייסער מכשף, געהילט אין זאווערוכעס,
פון אימפעט און שטורם געטריבען;
ער האָט אַ לעגענדע ביי מיר אויף די שויבען
אין שריפט פון ח ר ט ו מ י ם געשריבען.
אין שריפט פון ח ר ט ו מ י ם, וואס קיינער פארשטעהט ניט,
אַ לשון פון אנדערע וועלטען;
אַ שפּראַך, וואָס געדינט האָט די אַלטע מכשפים,
די גרויזאמע געטער צו שעלטען.
ער שרייבט זיין לעגענדע, דער ווייסער מכשף,
אין דרויסען ביי מיר אויף די שויבען;
איך זיץ אַ פערגאַפטער, פון כשוף געפאנגען,
און הויב אָן אין כשוף צו גלויבען.

י. אדלער

יוגענד

מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט:
איך קלעטער אין אַ קאַלטען ווינטער־טאָג
ארויף אַ הויכען פעלזען־בארג
אין אַ ים פון אָפּגעלעבטע טויטע בלעטער.
און בייזע צפון-ווינטען טראָגען זיך
מיט ווילדע קולות, און צוקלאָגען זיך,
און איך, איין איינזאמער, קלעטער אלץ קלעטער
העכער אלץ און העכער.
דערגרייכענדיג פון פעלז זיין ווייסען קאָפּ,
געוועזן איז דאָרט אַ טאַנץ פון בייזע געטער.
עס האָט מיט קעלט און גרויל געשטורעמט,
שנעען־זיילען אויפגעטורעמט,
און דאָך — אין שפיל פון קאַלטע־ווינטען
האָבען פייגעלאך געזונגען . . .

איין און ניינציג

דער ווינטער האָט געהערשט נאָך אויפ'ן באַרג;
שטאַרק געווינטערט האָט נאָך אין מיין טרוים,
עס האָט נאָך אויף דער ערד קיין גרעזעל ניט געשפּראָצט,
די הימלען האָבען גרוי און קראַנק געגלאָצט,
אין הין־הער פּלעט געלעגען איז דער שטראָם,
אַ טויטע־וועלט געגליווערט האָט אַרום;
די לופט, זי האָט געשמעקט מיט קבר-גרוך
דאָך, ערגעץ וואו, אונבאַוואוסט און שטום,
האָט אַ יונגער פרישער לעבען זיך גערעגט,
פון טיפסטען שלאָף געוועקט.
אויף אַ ווערבע־צווייג פאַראומערט,
איינגעקאָרטשעט, איז געשטאַנען־קוים
אַ וואָראָנע און יאוש'דיג געקלאָגט,
דערבענקענדיג איהר שוואַרצען טרוים.
און אויף דעם שפּיץ פון פעלז
האָט זיך געהערט אַ וואונדערליך געזאַנג.

שוואַלבען אין דער לופט פון פראָסט און אייז,
פאַרזאַמעלט האָבען זיך דאָ מחנות־ווייז,
און הארציג און גן־עדן'דיג צוזונגען זיך.
וואונדער־טענער האָבען זיך געהויבען
און אַראָפּגענידערט, און צוטרילערט זיך,
און האַרמאָניש זיך צוגאָסען.
און עס האָט זיך אויסגעדאַכט,
אַז איין אונבאַוואוסטע מאַכט
האָט די טרעלען אַלע אין אַ טענער־קראַנץ
געפלאָכטען, און אויף גין־גאָלד־האַרפעס
אויסגעצויבערט מעלאָדיען.
קיינמאָל, קיינמאָל, האָבען פייגעלאך געזונגען
אין אַ פריהלינג פריהלינגס-לידער שעהנער,
ווי אין יענעם ליבען בייזען חלום פון מיין יוגענד.

י. אַדלער

ווען עס קומט דער ליבער זומער

ווי עס קומט דער ליבער זומער...
פֿאַר די אויגען נעהמט זיך מאָלען
אונזער דערפעל... קליינע שטיבלאַך...
גרינע בערג און גרינע טאָלען.

פון דער זון אַן אַלקער פענסטער,
איז פאַרגאָסען מיט אַ פלאַקער.
אָט אַ פעלד — אַ גוי, אַ פערדעל.
ביידע פיהרען זיי דעם אַקער.

און אַ הונד געהט נאָך פון הינטען,
אַרבייט, סאָפּעט מיט די זייטען;
אָט אַ רויטע קוה מיט פלעקען
אויף אַ לאָנקע פון דער ווייטען.

אָט אַ פּויער און אַ פּויערטע,
שניידען גראָז נאָך מיט דער ראָסע.
ער באַזונדער, זי באַזונדער.
זי אַ סערפּ און ער — אַ קאָסע.

גרויסע פעלדער אָפּגעצוימטע,
אי מיט שטיינער, אי מיט פּלויטען;
אָט אַ פעלד מיט קוקורוזעס,
אָט אַ פעלד מיט אַרבעס־שויטען.

און עס לויפט אַ וועג אַ שמאָלער,
גלייך אריין אין סאָסנע וועלדער.
דאן אַ פּאַס מיט ווייסע רעטשקע,
ביי דער זייט—קאַרטאָפעל־פעלדער.

שיק איך ווייטער מיינע בליקען,
וואו דאָס טייבעל ווערט פארלאָרען,
זעה איך שטיקער פעלד מיט גערשטען
און אַ פעלד מיט יונגען־קאָרען.

הויבט אָן טאָגען — נעהמט אַ ווינטעל
מיט אַ מוטער־ליבע בלאָזען —
אין דעם גערטעל בליצט אַ ראָסע.
פּעריל ליגען אויף די גראָזען...

קומען ווילט זיך אין דעם דערפעל,
איבער זומער דאָרטען בלייבען,
און ארומגעהן יעדען מאָרגען
פון די גראָזען פּערעל קלייבען.

י. אדלער

שטילקייט

געה ארויס אין פעלד ביי נאכט און זיי מיט ז י ך אליין,
און הערען וועסטו אויף דעם הימעל די לבנה געהן...
שטרענג דיין גאנצען דמיון אן... און מיט דעם דמיון הארך,
פון דער נאכט פארנעהמען וועסטו דאן איהר מידסטען שארך.

וואגעל ווייטער, ווייטער... אין דער שטילקייט וועסטו הערען
איבער דיר אין טיפער בלויקייט ציטערען די שטערען.
איצטער שטעל זיך אפ א רגע און פארנעהם דאס שוויינען —
וועסטו דאן דעם אטהעם פון דער מוטער־ערד דערהערען...

וועסט אויך הערען ווי דער מזרח שטעלט צונויף די פארבען;
ווי ער העפט זיי שטיל צוזאמען, רייסט זיי שטיל פאנאנדער;
ווי פאר'משפט ווערט א יעדעס וואלקענדיל צום שטארבען,
אז פארלאשען ווערען זאל עס אויף זיין שטילען וואנדער...

נאך א רגע הער זיך איין... און הערען וועסטו, ווי דער
יונגער טאג וואכט אויף און שמייכעלט פון זיין גאלדען־וויגעל;
טרייסעלט שטיפעריש פאנאנדער זיינע זונען־לאקען,
טוט א פליה און פאכעט שטיל מיט זיינע ווייסע פליגעל;

פאכעט שטיל און שוועבט ארונטער אויף דער ערד און שמייכעלט;
טוט צוערשט די הויכע דעכער מיט זיין שמייכעל בענשען;
גיסט פאנאנדער זיין געלעכטער אין א גארב פון שטראלען
און ער נידערט פון די דעכער צו די מידע מענשען.

און עס שוועבט זיין שמייכעל אום אויף אויסגעקרימטע לאדענס,
דורך די שפאלטען פון די לאדענס זיינע לאקען פלעכט ער;
עפענט קינדער אויגען אויף און קושט זיי און ער וועקט זיי;
גיסט אן די אלטע קרומע שטיבלאך מיט זיין גאלד־געלעכטער...

פינף און נייצינג

פֿאַרטאָג אין פֿעלד

איך געה פֿאַרטאָג ארויס אין גרינעם פֿעלד,
אין שלאָף פֿארזונקען ליגט די גאַנצע שטאָדט ;
דעם זונען־אויפֿגאַנג וויל איך זעהן אַמאָל,
כאָטש איינמאָל זיין אין פֿעלד אַליין מיט גאָט.

אַ בלאָער נעבעל וויגט זיך אום אין לופֿט,
אַ רויטע סטענגע גלאַנצט אין מזרח׳ס־ראַנד ;
אויף איטלאכס גרעזעל שפּילט אַ טראָפּען טוי,
וואָס פֿינקעלט ווי אַ ליכטיגער בריליאַנט.

דער מזרח־הימעל עפֿענט אויף דאָס אויג,
די ערד באַצירט זיך אין אַ שטראַהלען־קראַנץ ;
די טראָפּענס טוי זיי צינדען אָן זיך העל
און פֿלעכטען אוים אַ שעהנעם פֿארבען־טאַנץ.

דער יונגער טאָג ווערט ליכטיג און צושטראַהלט,
און שפּרייזט ארום מיט ווארעמקייט און פֿרייד ;
און וואו עס פֿאַלט זיין גאָלד־געשפּינטער בליק
דאָרט ווערען אוצרות רייכע אויסגעשפּרייט.

י. אדלער

דאָס געזאנג פון דער וועלט

עס טאנצט דער ים, זיין כשוף־טאנץ
און רוישט און ווערט ניט מיד,
ער דאנקט דעם בורא פאר זיין קראפט
און זינגט צו איהם זיין ליד.

א דאנק, א דאנק, אין ווילדער־שפראך
ברויזט אוים דער ים, צו גאָט.
א גרויסען דאנק, פאר וואָס ער האָט
פארטרויט פאר איהם זיין סוד,

וואָס ליגט פארבאָרגען אין זיין תהום,
פארבאָרגען אין זיין שוים;
וואָס אייביג וועט פארבלייבען דאָרט
און קיינמאָל ניט ארוים.

און ווען דער בליץ צושפאלט די וועלט
אויף העלפטען מיט זיין שווערד,
און הילט אין בלאָע פלאמען איין
און טובל'ט אָפּ די ערד,

דאן שיקט ער באלד זיין בליץ־געבעט,
א תפלה אין דער הויך.
און דאנקט דעם בורא פון דער וועלט,
באדאנקט איהם פאר זיין כח.

דער דונער אין די וואלקענס, הויך,
וואס שמעטערט און וואס שאפט;
ער שיקט צו גאט א שטורם־דאנק,
א תפלה פאר זיין קראפט!

דער פויגעל אויף דער גרינע צווייג
וואס זינגט אראפ צום טאל;
ער שיקט צו גאט א הארץ־געבעט,
און דאנקט איהם פאר זיין קול.

צום שטערען אין א זילבער־נאכט,
ווען נאר איהר קוקט זיך איין,
דאן זעהט איהר ווי ער ציטערט שטיל —
דאס דאנקט ער פאר זיין שיין...

די רויז וואס איז אויף אונזער ערד
פון גאט דאס שעהנסטע אות,
זי דאנקט דעם בורא וואס ער האלט
די בשמים אין איהר כוס.

דער ווארים קריכט אפיר פון שטיין
און שיקט צו גאט א לויב —
ער דאנקט איהם פאר זיין ביסעל־שפייז
און פאר זיין ביסעל שטויב...

פון בלום צו בלום.

פון בלום צו בלום, פון קוסט צו קוסט,
א זומער־פויגעל דורשטיג פליהט;
א יעדען בעכער זויגט ער אוים,
דעם לעצטען טראָפּען האָניג ציהט.

און האָט ער שוין זיין דורשט געשטילט
איז רוהען, רוהען זיין פארלאנג.
ער פליהט אין פעלד און זוכט זיך אוים
א קעפּעל פון א גערשטען־זאנג.

א ווינטעל קומט, באריהרט די זאנג,
און וויגט דעם זומער־פויגעל אום.
און אויף דעם גערשטען־זאנג ער רוהט
און חלום׳ט פון א פרישער בלום.

דער טייך

ס'וואַרפט דער מאָרגען־הימעל, רייך,
פּאַליעס־גאָלד אין בלויען טייך,
ס'דאַכט זיך, אין אַ ווינקעל, דאָרט,
ווערען זיי אַנטרונען ;
פלאַמען אויף און גליהען העל,
צינדען אָן אַ יעדער וועל,
און אין טייך דאָרט קרייזעלט זיך
אַ קוואַל פון יונגע זונען...

חונדערט

י. אדלער

ס׳גיסט דער מיטאָג-הימעל, רייך,
שטראַלען-קוויימען אין דעם טייך,
ס׳פלעכט דער טייך פאַר זיך אַ קראַנץ
פון זון-געלאָקטע שפּיצען;
פלוצים ווערט אַ וועלען-שפּיל,
שטראַל-און-וועל זיך קושען שטיל,
ס׳דאַכט, דער טייך, ער איז אַ נעסט
פון טאַנצענדיגע בליצען...

ס׳אויג אין מערב-זייט געווענדט.
ווייט, דאָרט ווייט, דער הימעל ברענט.
ס׳נעהמט די זון פאַרציהען באַלד
די פורפּערנע גאַרדינען;
טרייסעלט פריה׳ר די לאָקען אָפּ,
פלאַטערן אין טייך אַראָפּ
פונקען-רויטע. ס׳דאַכט זיך אויס
אַ רעגען פון רובינען.

ס׳גיסט דער הימעל האַלבע-נאַכט,
שטילע, בלויע, שטערען-פּראַכט,
און דער טייך, ער פּרעפּעלט איצט
און שיקט צו גאָט אַ תפילה;
נאָך דער תפילה שלאָפט ער איין,
צוגעדעקט מיט זילבער-שיין,
איינגעוויגט פון בלעטער-רויש
און האָט חלומות שטילע.

אסתר'ס סודות

שטילער ווי דאָס קלאַפּען פון דער ליליעס־הערצעל
ווען זי שטעהט אין גערטעל
ווי אַ יונגע כלה אין איהר חופה־שלייער
און זי בעט ביים בורא :
הימעל'ס טויט אַ טראָפּען און אַ שטראַל אַ העלען ;
שטילער ווי דאָס קלאַפּען פון דער ליליעס הערצעל
וועט מיין בענקשאַפט גליהען,
וועט מיין ליבע בליהען.
און נאָך שטילער ווי דער ליליעס־חלום,
און נאָך שטילער ווי דער ליליעס־אָטעם,
וועלען זיין די סודות וואָס עס וועט מיין אסתר
היינט מיר אנפּארטרויען...
דאָרטען וואו די טייכלאָך שמועסען מיט די ווערבעס,
דאָרטען וואו די ווינטלאָך קושען אוים די זאנגען,
דאָרטען וואו פון זונשיין גילדען זיך די בלעטער,
און פון פאַסטוך־פייפעל בלאָנדזשעט אום אַ לידעל —
דאָרט אויף יענעם ערטעל
וועט מיין אסתר קומען —
און די טיפסטע סודות וועט זי מיר פארטרויען.

י. אדלער

דער גליקליכער פויגעל

עס שטעהט אין בליטען איינגעהילט
א יונגער אפעל־בוים;
עס הענגט א נעסטעל אויף זיין שפיץ
דאס נעסטעל וויגט זיך קוים.

עס זינגט א פויגעל אין דער נעסט
א זמר׳ל, א פראכט!
עס האט זיין מוטער איהם אט ערשט
א ווערימעל געבראכט.

ניסט א רעגען, פייפט א ווינד,
דונערט עס און בליצט,
פון די מוטער׳ס פליגעל ווערט
דער פויגעל טריי באשיצט.

פאַרשידענע לידער

ביים ים

כ'בין ביים ים געזעסען,
ביי דעם בייזען ים;
עס האָט מיין הארץ געזאָטען פונקט ווי ער;
עס האָט מיין בלוט געכוואַליעט פונקט ווי דאָרט,
אַ פלוך אַ שוואַרצער איז געווען מיין וואָרט,
אַ וואָרט, געבאָרען אין מיין האַרצענ'ס־פלאַם.

כ'בין ביים ים געזעסען,
ס'האָט גערעדט דער ים;
יעדע וואַל אַ וואָרט, יעדעס וואָרט אַ וואַל,
און ווי טויזענד דונערס האָט ער בייז און ווילד
זיך ווידערהאָלט די ווערטער און געברילט.
און געוועקט אין מיר מיין ליד, דאָס ליד פון פלאַם,
געוועקט עס פון נשמה'ס טיפסטען־קוואַל.

כ'בין ביים ים געזעסען,
און מיין ליד, עס קוועלט;
און ס'שפּילט דער בייזער ים זיין ליד און שפּילט,
איך טראַכט: אונענדליך איז זיין לעבענס־צייט.
אויך רוישען וועט ער אין דער אייביגקייט.
זיין ליד, וועט אייביג זינגען ער דער וועלט;
נאָר מיין ליד וועט ווערען איינגעשטילט.

דער זיידע ים

דער זיידע ים — פאַר גליק און פרייד,
אין פאַסען גאָלד צוגלאַנצט זיך;
און חדווה'דיג ער זינגט אַרויס:
„נו, קינדערלאַך, פאַרלאָזט מיין שוים!
צוהוליעט זיך, צוטאַנצט זיך!"

און באַלד וואַקסט אויס אַ יונגע וועל
און וויל דעם ברעג פאַרכאַפּען;
אַ צווייטע לויפט די ערשטע נאָך,
אַ דריטע איילט אין ווילדען קאָך
און וויל די צווייטע כאַפּען.

די ערשטע וועל איז שוין ביים ברעג
און איז איצט איבערגליקלאַך —
אַ פּלושק, אַ שפּריץ, די כוואַליע בליצט
און ווערט אין טראָפּענס שוים צושפּריצט,
צושמעטערט אין שטיק-שטיקלאַך!

די כוואַליע האָט איהר יונגען קאָפּ
אין האַרטען פעלז צושלאָגען;
דאָך פליהט אַ נייע אין גאַלאָפּ,
איהר האַלט דער האַרטער פעלז ניט אָפּ,
זי הערט ניט אויף צו יאָגען.

דער זיידע ים — ער זעהט דאָס צו
מיליאָנען שוין פון יאָהרען:
אַ כוואַליע שטאַרבט. און הינטער איהר,
אין טיפען שוים זיך טוט אַ ריהר,
אַ נייע ווערט געבאָרען...

י. אדלער

טיטאַניק*)

עם לאַכט דער ים זיין ווילד און טייפלישען געלעכטער,
ווען ער זעהט פון גאָט די קליגסטע שטאַרקסטע בריאה —
אַ שטויבעל אין די הענד פון זיינע טיפע תהום'ען —
דעמאָלט לאַכט דער ים...

לאַכען, לאַכט דער ים זיין טייפעלשען געלעכטער,
ווען דו צאַפּעלסט זיך צווישען טויט און לעבען;
ווען אַ יעדער רגע... האַלבע רגע... ברענגט דיך נעהענטער,
נעהנטער צו דעם אויגענבליק פון דיינע לעצטע ליידען;
ווען אַ יעדער רגע ווייזט דעם אָנהויב פון דעם סוף;
ווען דיין לעבען טריפט זיך אויס אין קליינע טראָפּענס;
יעדער אויגענבליק — ווינציגער אַ טראָפּען לעבען —
דעמאָלט לאַכט דער ים...

---

*) די טיטאַניק איז געווען אַ ריזענשיף. אויף איהר ערשטער רייזע פון ענגלאַנד קיין אַמעריקא, האָט זי זיך אין מיט'ן ים אָנגעשטויסען אין אַן אייז־באַרג און צושמעטערט געוואָרען. עס זיינען אומגעקומען 16 הונדערט מענשען.

לאַכען לאַכט דער ים זיין ווילדען, הילכיגען געלעכטער,
ווען צו דיינע אויערען גרייכען נאָך די טענער
פון דעם שיף־אָרקעסטער,
וואָס האָט זעכצעהן הונדערט מענשען, זעכצעהן הונדערט!
מיט מוזיק באַגלייט צום קאַלטען, טיפען קבר.

זעכצעהן הונדערט מענשען צוגעשפּילט צו זייער וידוי,
ביז עס האָט אַרויפגעטאַנצט אַ כוואַליע אויף די שפּילער,
אַרויסגעריסען פון די הענד די אינסטרומענטען
און פאַרפּלייצט דאָס ליד, דאָס יאָמער־ליד, דאָס לעצטע,
און פאַרפּלייצט עס נור אַ האַלבע... נור אַ האַלבע...

און די צווייטע העלפט פון ליד, פאַרשלונגען האָט אַ כוואַליע,
און מיט'ן ליד אינאיינעם — אַלע, אַלע שפּילער.
דיין שיגעון־בליק דערזעהט די שפּילער אויף דער כוואַליע;
ער זעהט ווי זיי ראַנגלען זיך אין דער לעצטער גסיסה
צווישען אייז און פידלען, אייז און קלאַרנעטען;
אייז און טרומפּייטען; האַלב-טויטע מענשען מישען זיך,
טוקען זיך...
מיניען זיך... אַ מענש אַ פידעל... אַ מענש אַ טרומייט,
אַ מענש, אַ פלייט; אַ קאַלרנעט;
אייז און שוים, געברויז און יללות,
ווינט און שרעק, שרעק און טויט —
דאַמאָלט לאַכט דער ים...

לאַכען, לאַכט דער ים זיין בייזען, פינסטערען געלעכטער,
ווען די שיף איז ביז צום מאַסט־בוים שוין פאַרשלונגען;
בלויז אַ שטיקעל פון דעם מאַסט־בוים סטאַרטשעט נאָך פון וואַסער
און די פאָן, די שטאָלצע פאָן — פלאַטערט נאָך פון אויבען;
און דו קלעטערסט, קלעטערסט העכער... העכער אַלץ און העכער...

און דו צאַפּעלסט דאָרטען אויבען נאָר דער לעצטער אין
דער לופטען,
נאָר דער לעצטער;
און דו האָפסט נאָך אויף אַ רעטונג... אפשר... טאָמער... טאָמער...
און ארום דיר — לאַכען כוואַליעס,
און ארום דיר — וואָיען ווינטען;
און דאָס וואסער מאַכט גוואַלדען; קומט אַלץ נעהנטער, נעהנטער;
זעהסט פון ווייטען רעטונגס־שיפלאַך איילען זיך און איילען;
אין אַ שיפעל זעהסטו זיצען דאָרט דיין פרוי, דיין קינד, דיין חבר,
זוכען אויך, ווי דו, אין מיטען ים אַ רעטונג;
זעהסט דיין קינד איז צוגעטוליעט צו דער מוטער,
און די מוטער רייסט די לופט מיט איהרע קולות,
ווען זי זעהט דיך צאַפּלען אויפ'ן מאַסט־בוים נאָר דעם לעצטען.
ווינט און כוואַליע ברענגען צו צו דיר דיין פרוי'ס יללה;
הערסט צום לעצטען, לעצטען מאָל דיין נאָמען רופען.
ווילסט שרייען צו איהר, ווינשען איהר אַ גוטע רייזע,
נאָר דו קענסט ניט מעהר... די ליפען שעפּטשען עפּעס...
ווילסט דיין פרוי, דיין קינד, ביים נאָמען רופען...
ווערט דער נאָמען פון דיין פרוי
נאָך געהערט פון ד ע ר ז י י ט קבר,
און דער נאָמען פון דיין קינד,
ווערט פארשלונגען שוין פון ים...

נשמות

וועז א רויז, א רויט-צופלאַמטע,
אין א שעהנעם פריהלינג-מאָרגען
שפּרייט פאנאַדער איהרע בלעטלאַך,
און פון יעדען זיידען-בלעטעל
שפּראָצט ארויס א הייסער חלום,
און דער חלום דרינגט אין הארצען —
ווייסט איהר, ווייסט איהר: אין דער רויז, דער רויטער
צאַפּעלט, צאַפּעלט א נשמה?

ווען די רייצענד-ווייסע ליליע
ווי א יונגע ליבע כלה,
פרום און הייליג, שטעהט אין גערטעל
און זי בעט ביי גאָט דעם ליבען
ליכט און שיין און קלאָרע הימלען,
שטילע, לינדע בשמים-ווינטלאַך;
ווייסט איהר, ווייסט איהר, אז עס צאַפּעלט
אין דער ליליע א נשמה?

י. אדלער

ווען א קלאָרער זילבער־קוואַלבעל,
ערגעץ אין א הייל באהאלטען,
שטראָמט ארויס פון פעלזען־שפּאַלטען,
שיקט ארויס זיין פרישען וואסער
מיט א מורמעל, מיט א תפילה —
ווייסט איהר, ווייסט איהר, אז עס צאַפּעלט,
אז עס ציטערט אין דער תפילה
פון דעם קוואלבעל א נשמה?

ווען א ווינטעל אויף זיין וואנדער
פליהט פארביי א קוסט מיט רויזען
און פארטשעפּעט דאָרט א פליגעל,
גנב'עט אָפּ די זיסע ריחות
און צוטיילט זיי פאר די גרעזלאך,
און די גרעזלאך מורמלען עפּעס,
דאנקען אָפּ, אויף זייער לשון;
דאנקען אפּ, און בעטען מעהרער,
ווייסט איהר, ווייסט איהר, אז עס צאַפּעלט
ביי די גרעזלאך א נשמה?

ווען עס קומט א נאכט, א שטילע,
און איהר הערט דעם סודות־פולען
שאָרך פון איהרע גרויע פליגעל,
און דער מערב־הימעל טרויערט
נאָך איהר גרויסען, גרויסען נפטר;
און פון ווייטע טיפע הימלען
ציהען, רופען אייך די שטערען,
און עס שפּרייט זיך אויס א בענקשאפט
אין די קעמערלאך פון הארצען —
ווייסט איהר, ווייסט איהר, אז אין בענקשאפט
צאפּעלט, צאפּעלט א נשמה?

מענש און שלאנג

עס זיינען צוויי ברידער געוועזען אמאל,
געוואוינט אין א שטיבעל גאנץ ווייט אין א טאל.
זיי האבען נור פויגעל און שלאנגען געזעהן
און איצטער הערט אויס, וואס דער סוף איז געוועזן:

איין ברודער, ער האט מיט א שלאנג זיך באקענט.
ער האט זי געפעטשעטשעט ביי זיך אויף די הענד,
און ליב ווי א מאמע געפרעסט צו זיין ברוסט,
און זי האט געהאלזט איהם, געגלעט און געקושט.

דער צווייטער, ער האט זיך נאך מענשען פארבענקט.
נו,האט ער דעם ערשטען דאס שטיבעל געשענקט;
געלאזען זיין ברודער אליין דארט מיט גאט,
און ער איז אוועק צו די מענשען אין שטאדט.

געבויט זיך א הויז מיט די אייגענע הענד,
ער האט זיך אין שטאדט מיט די מענשען באקענט,
און יעדען געדריקט האט ער פריינדליך די האנד.
ער האט ניט געטשעפעט א פליג אויף דער וואנד.

דאס לעבען עס האט זיך גאנץ רוהיג געוועבט,
ער האט מיט די שכנים אין פרידען געלעבט.

דאך האט זיך דער פרידען געשפונען ניט לאנג:
עס איז נאך דער מענש נישט דערוואקסען צום שלאנג...
עס האט איהם א שכן א בייזער געטויט
און באלד איהם מקבר געוועזן ביי א פלויט.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער ברודער, דער ערשטער, וועט לעבען נאך לאנג,
ווייל ער האט א חבר א גיפטיגע שלאנג...

דער געפאַנגענער אָדלער

דער אָדלער, דער קעניג פון פייגעל, געפאַנגען,
ער זעגט מיט'ן שנאָבעל די אייזערנע שטאַנגען,
די פליגעל — זיי הענגען אראָפּ;
די אויגען, די שאַרפע, מיט צאָרען זיי גליהען.
זיין חלום איז נאָך אין די וואָלקענס צו פליהען
און באָדען אין שטראַלען זיין קאָפּ.

ער זעגט מיט'ן שנאָבעל די אייזערנע תפיסה.
עס קומט איהם אין זינען: די פרייהייט, די זיסע,
א פעלז און א נעסט אויפ'ן שפּיץ;
און טיף אינ'ם טאָל איז א טייך דאָרט פאַראַנען,
עס דרימעלט א וואַלד דאָרט אין בלויע טומאַנען,
עס שרעקט איהר קיין דונער, קיין בליץ.

די אָדלערס, די יונגע, אין נעסט נאָך זיי דרימלען,
ער שפּאַלט מיט די פליגלען די וואָלקענס, די הימלען;
אָט דאכט זיך דערגרייכטער צו גאָט;
אָט לאָזט ער אראָפּ זיך... אָט ווערט ער געפאַנגען...
פאַרשפּאַרט אין א שטייג הינטער אייזערנע שטאַנגען,
אַרום איהם — א רוישיגע שטאָדט...

ער בענקט און ער טרוימט נאָך די אוראַלטע וועלדער,
עס רייסט זיך זיין קעניגליך-האַרץ צו די פעלדער,
עס ציהט איהם אהין צו דעם בוים,
וואו ער מיט די אָדלערלאַך זיינען געזעסען,
זיי פליהען געלערענט און פאַרזאָרגט זיי מיט עסען,
זיי איבערגעגעבען זיין טרוים...

די באָבע

זיצט אַן אַלטע גרויע באָבע
טיעף געקנייטשט און איינגעבויגען,
האַלט אין האַנד אַן אַלטען סידור
און עס טרעהרען איהרע אויגען.

און די טרעהרען רינען, רינען
אויף די בלעטלאַך פונ׳ם סידור,
און איהר אַלטער קערפּער ציטערט
און עס צוקען איהרע גלידער.

איטלאַכס בלעטעל פונ׳ם סידור
איז פאַרגעלט שוין פון די טרערען,
און זי שיקט צו גאָט אַ תפילה
אין איהר תפילה לאָזט זי הערען:

„טיעפער ווי דער ים־הגדול
זיינען מיינע גרויסע ליידען;
פרעמד איז מיר דאָס פרעמדע לשון
וואָס די קינדער מיינע ריידען.

„אין דער שטוב פון מיינע קינדער
וואָגעל אום איך ווי אַ שטומע;
ווי זיי וואָלטען זיין געבוירען
פון אַ פרעמדער, פרעמדער אומה".

י. אדלער

עלענד ווי דעם ווינד׳ס געוויין

כאַפּט זיך אויף ביינאַכט אַ ווינד
מיט אַ מורא׳דיגען קלאַגען.
ווי ער וואָלט אַ יתום זיין,
נאָך אַ מאַמען קדיש זאָגען,
און איך זיץ אין הויז אַליין,
עלענד ווי דעם ווינד׳ס געוויין.

און די נאַכט איז שטום און בלינד.
ניט קיין סימן פון אַ שטערען;
און די נאַכט איז שטיל אַזוי,
אַז מען קאָן די שטילקייט הערען.
וואָלט כאָטש וואו געקרעהט אַ האָן,
כאָטש אַ פליג אַ זשום געטאָן.

און דער עלענד נאָגט און נאָגט
מיט אַ בענקשאַפט, מיט אַ שטומען.
וואָלט פון אונזער שכן׳ס הויז
כאָטש אַ מויז אריינקומען,
וואָלט איך זיין אַליין אין הויז
מיט אַ הונגעריגער מויז.

אָבער קיינער קומט ניט, ניין;
כ׳מוז אַליין מיין פיין פאַרטראָגען.
ניט קיין פליג און ניט קיין מויז.
בלויז פון ווינד דער שטילער קלאָגען.
עלענד זיץ איך דאָ אַליין,
עלענד ווי דעם ווינד׳ס געוויין...

עלענד בין איך אויך...

עלענד בין איך. וועל איך שטארבען,
ווייסען וועט ניט קיינער;
ס'וועט קיין קרוב גאר נישט פּרובען
זוכען מיינע ביינער.

כ'וועל ווי אלע וואַגלער שטארבען
ווייט פון פרעמדע גליקען;
הונגעריגע פייגעל וועלען
מיינע אויגען פּיקען.

קיינער וועט ניט אָט די פייגעל
פון מיין גוף פאַריאָגען;
קיינער וועט קיין טרעהר נישט לאָזען
און קיין קדיש זאָגען.

גראָז

א שלאפע גרעזעל שפראָצט פון פייכטען
פעלד ארויס,
און גיסט פאר גאָט איהר שלאפע
הערצעל אויס:
גאָט, פארנעם מיין וועה, מיין פיין;
גאָט, איך וויל קיין גרעזעל זיין,
מאך מיך פאר א בלום!

קומט אַ שטראַל און זאָגט צום שלאָפֿען
גרעזעלע: שטום!
עס איז אַ סוד, עס איז אַ סוד
און האָב קיין טענות ניט צו גאָט.
דו קענסט נישט זיין קיין בלום!

פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס? — עס פֿרעגט דאָס גרעזעלע
מיט געוויין.
זאָגט דער שטראַל: דו האָסט ניט פֿון דער
בלום דעם חן,
איהר רייץ, איהר פּראַכט, איהר גלאַנץ,
דו קענסט קיין בלום ניט זיין!

דו ביזט באַשאַפֿען אויף דער וועלט
צו זיין אַ גראָז.
און רוהיג זיי, ניט וויין! ניט פֿרעג פֿאַרוואָס?
גאָט דער גרויסער וויל אַזוי!
האָסט אויף זיך אַ טראָפּען טוי,
גענוג פֿאַר דיר, גענוג!

דאָס שלאָפֿע גרעזעלע גלייכט די יונגע
קעפּעלע אויס,
פֿון יונגען הערצעלע גליהט און פֿליהט
אַ זיפֿץ אַרויס:
מיין גאָט, אָה, ענטפֿער מיר פֿאַרוואָס
איז מיר באַשערט צו זיין אַ שלאָפֿער גראָז
און ניט קיין בלום?

ווען עס לאכט א קינד

איך הער א כשוף־מעלאָדיע גאָר וואונדערליך און שטאַרק.
ווי ס׳וואָלטען הונדערט וואַסערלאַך געלאָפּען פון א באַרג.
און יונגע פּרישע קוועלעכלאַך זיי שפּינען אוים מוזיק,
מוזיק, פון יונגע פייגעלאַך געבוירענע אין גליק.

די טענער, דאַכט זיך, ציהען זיך פון ווייטען אָריענט,
און פליסען שטיל און פּערלען זיך פון כשופ׳דיגע הענט.
און ס׳טאַנצען לוסטיג סטרונעלאַך אוןווירבלען אוים א טאַנץ,
און דאָרטען, דער מכשף פלעכט פון טענער זיך א קראַנץ.

די טענער קוויקען מיר דאָס האַרץ פונקט ווי א פרישער טוי,
און גלעטען ליב און קושען טריי און צערטלען מיך אזוי;
און יעדער טאָן דערצעהלט, דערצעהלט מיר מעשה׳לאַך אָהן צאָהל,
ווי ס׳בלאָנדזשען שטילע ווינטעלאַך אום אין גרינעם, גרינעם טאָל.
און שפּרייזען בשמים׳דיג און פריש אין קאָרען־פעלדער אום
און קושען אוים דאָרט מוטערליך א יעדע, יעדע בלום...

און אויף דער בלויער הימעלס־פאָן עס פליגעלט אום א טרוים,
דער טרוים ער פליהט אויף וואָלקענדלאַך ווייסער נאָך ווי שוים.
א יונגער מלאך פליהט און טראָגט דעם טרוים ווייט־ווייט אוועק,
אין הימעל ווייט, אין הימעל הויך דאָרט אויף א שטערען־וועג...

דער מלאך קומט און ברענגט צוריק דעם טרוים ווי דימענט־ריין.
און ליכטיג איז דער טרוים און פריי און קלאָר ווי זונענשיין.
עס כישופ׳ען די סטרונעלאַך, געוועבט פון מאָרגען־ווינד —
דאָך שעהנער נאָך פון דער מוזיק איז — ווען עס לאכט א קינד...

ר׳ יודעל דער כלי־זמר

ר׳ יודעל דער כלי־זמר, א איד שוין א זקן,
א פנים ווי פארמעט און שנעע־ווייסע האר;
די פלייצע געבויגען און מאט־שוואכע אויגען —
מען שאצט אים אין שטעדטעל שוין זיבעציג יאר.

אט שלעפט זיך ר׳ יודעל, מיט אים די קאפעליע,
זיין פנים פול קנייטשען, דאך בליהט עס און שיינט,
היינט פראוועט דאס שטעדטעל א אידישע חופה:
ר׳ איטשע דער סופר מאכט חתונה היינט.

שוין זיצען די כלי־זמר אין שטיבעל ביים סופר,
דאס שטיבעל, עס באדט זיך אין תענוג, אין פרייד.
אט סטראיעט שוין יודעל אצ׳נד אן זיין פידעל,
און דוד, ער פרעגט עפעס אן ביי זיין פלייט.

די גאנצע קאפעליע נעהמט וואונדער באווייזען:
נפתלי דער באס גיט דער ערשטער א ברום;
און הערשעל דער לאנגער, ער פייקט אויף זיין פייקעל
און געהט מיט דעם מיטעלסטען פינגער ארום.

די פויק און דאס פייקעל, דער באס און דער צימבעל,
א יעטווידע כלי לאזט הערען איהר שפראך;
און יודעל אליין שפילט א אידישען „שטייגער",
ירוחם הקטן׳ס אן אייגענע זאך.

י. אדלער

דער פידעל ביי יודלען, ער וויינט זיך פאנאנדער —
און הערט איהר זיין וויינען, זיין יאָמער נור אויס,
דאַן דאכט, אז א יתום ליגט דאָרטען באהאלטען,
וואָס וויינט און וואָס יאָמערט פון פידעל ארויס.

ר׳ יודעל נעהמט ווייזען נאָך גרעסערע וואונדער:
ער טהוט מיט די אויגען א וואונק צו דעם פלייט,
פרעגט עפּעס דער פלייט ביי דעם עלענדען יתום,
און יודעל, ער פאלט איהם אריין אין די רייד.

דאַן גיסט זיך פאנאנדער דער פלייט אין א תפילה,
רחמנות׳דיג ענטפערט דער פידעל איהם באלד;
דער פלייט איז צופרידען און ענטפערט דעם פידעל,
און טרילערט אזוי ווי א פויגעל אין וואלד.

עס ווערט די קאפעליע אין גאַנצען אנשוויגען,
און אלע מבינים ביים סופר אין הויז,
זיי זאָגען: דער יתום פארבלייבט שוין אין פידעל,
ער וועט שוין פון דאָרטען קיין מאָל ניט ארויס.

נור איינמאָל האָט יודעל אזוי זיך צוכליפּעט,
אז איטליכענס הארץ איז געבליבען פארשטיינט.
דער פידעל, דער אלטער, ער האָט ביי ר׳ יודלען
נאָך קיין מאָל אין לעבען אזוי ניט געוויינט.

און דאָס איז געוועזען, ווען ס׳האָט זיך שטערטעל
באוויזען א כלי־זמר, געטריבען פון נויט,
געדונגען א דירה, באזעצט זיך, פארנומען
ר׳ יודעל׳ס קאפעליע, זיין כבוד, זיין ברויט.

גאָט און דער נביא

„מאַך אויף, מאַך אויף דיין נביא־אויג,
אַל שדי טוט אַ זאָג.
אַ ציטער טוט דעם נביא׳ס ברעם,
עס הויבט אָן ווערן טאָג.

און ווידער רופט אל שדי׳ס שטים :
„אָ, נביא, הער מיך אויס!“
עס עפֿענט זיך דעם נביא׳ס אויג
און ס׳קומט די זון אַרויס...

אין הימעל־הויף, אל שדי זיצט
און קוקט אַראָפּ און קוועלט ;
פֿון נביא׳ס ריינעם יונגען בליק
עס בליהט אל שדי׳ס וועלט.

באַלד ווערט דעם נביא׳ס יונגער בליק
פֿאַרוואָלקענט מיט אַ טרעהר.
דער נביא שעפּטשעט : „גרויסער גאָט,
דיין שטראָף געוועזן איז שווער.

„מיין אויג נור זעהט אַ שלעכטע וועלט,
אַ נעסט פֿון שווערע זינד —
אָ, גרויסער גאָט, מיין תפילה הער
און מאַך דיין נביא בלינד...“

י. אדלער

פון הונגער

וי מאַמע זיפצט, די מאַמע הוסט...
דאָס קינד עס ציט די לערע ברוסט
און ס'הערט ניט אויף צו וויינען;
דער מאַמעס אויג איז שטאַרק פאַרטרערט,
זי וויינט און זיפצט און טראַכט און קלערט:
מען דאַרף דאָס קינד ענטוועהנען...

אין דרויסען פאַלט דער שנעע און פאַלט,
אין שטוב איז וויסט און פוסט און קאַלט,
דער אויווען בענקט נאָך פייער;
ניטאָ קיין קויל, ניטאָ קיין ברויט,
ס'איז גרויס די נויט, ס'איז טיף די נויט;
און אַלץ איז בראַנדיג-טייער!

דער שפּייזער איז פאַרטאָג אוועק,
געלאָזט אין שטוב דעם הונגער־שרעק,
די זיפּצען און די טרערען;
ער געהט אין גאַס און בעט מיט וועה:
„אַ, מענשען, גיט מיר קערען שנעע,
איך וויל מיין פרוי ערנעהרען“.

דאָך בלייבט מען צו זיין בעטען טויב...
דער שנעע, ער דרעהט מיט זיילען שטויב,
ס'איז גאָר ניט היינט צו מאַכען...

— — — — — — — — — — —

ער קומט אהיים און טרעפט אַ בילד:
עס טאַנצט זיין פרוי משונה־ווילד
און הערט ניט אויף צו לאַכען.

זי לאַכט און טאַנצט און שרייט אַ גרויל!
עס רינט אַ שנירעל בלוט פון מויל,
און הערט ניט אויף צו רינען;
אין וויגעל שלאָפט אַצינד דאָס קינד,
אין קוימען וויינט און קלאָגט דער ווינד:
„זי איז אַראָפּ פון זינען...“

קורץ איז דער שבת

ווי שווער איז די פּראַצע, ווי ביטער דער יאָך,
און קורץ איז דער שבת און לאַנג איז די וואָך.

בלויז איינמאָל אַ שמייכעל און קיינמאָל קיין לאַך,
נור זיפצען און קרעכצען און טרערען אַ סך.

און קורץ איז דער שמייכעל און לאַנג איז דער קרעכץ.
ניטאָ ניט קיין ברויט, ניט קיין לעפעל געקעכץ;

דער טאַטע, די מאַמע, די קינדער פאַרשמאַכט,
דאָס לעבען — אַ לאַנגע, אַ פינסטערע נאַכט.

די מאַמע, זי זיצט מיט פאַרבראָכענע הענד,
עס וויגט זיך איהר שאָטען אַרום אויף די ווענד.

„אָה, גאָט פון אברהם“ — זי טענה'עט און רעדט,
„אָה, גאָט פון אברהם, פאַרנעהם מיין געבעט!

„איך בעט ניט קיין אוצרות, קיין פלייש און קיין וויין;
פאַרטרייב נור פון הארצען דעם וועהטאָג, דעם פיין;

„איך בעט ביי דיר, גאָט, אין דער הייליגער שטונד,
בלויז וואסער מיט ברויט און אַ ביסעל געזונד...“

אוועק איז מיין חבר

אוועק איז מיין טייערער
חבר פון מיר,
געלאָזט אויף דער וועלט מיך
אַליין;
שוין לאַנג איז זיין פריינטליכעס
אויער פארמאכט,
עס הערט נישט מיין יאמער-געוויין.

שוין לאַנג איז זיין פריינטליכעס
אויער פארמאכט,
ס'פארנעהמט שוין נישט מער
וואָס איך רעדט;
זיין רחמים'דיג הארץ, עס קאָן
שוין נישט מעהר
פארנעהמען מיין שטילען
געבעט.

י. אדלער

אך, לאנג איז פארקיהלט שוין
זיין ווארעמעס הארץ,
עס קלאפט שוין נישט מעהר
אין זיין ברוסט;
און קאלט און פארגליווערט
איז לאנג שוין זיין ליפ,
וואס האט אזוי הייס
מיך געקושט.

זיין חבר׳שער שמייכעל,
זיין הארציגער לאך,
איז לאנג שוין געווארען
פארשטיינט;
פארלאשען דער זיידענער
שטראל פון זיין אויג
וואס האט מיט רחמנות
געשיינט.

נישטא שוין, נישטא שוין
מיין פריינד פון אמאל,
עס לעבט שוין מיין חבר
נישט מעהר;
מיין חבר, וואס האט מיר
געשאנקען א זיפץ,
ווען איך האב פארלוירען
א טרער...

לאכט די וועלט אין ווייסע בליטען

לאכט די וועלט אין ווייסע בליטען, זיץ איך און איך טראכט:
פאר זיין וועלט עס האט דער בורא יום טוב היינט געמאכט;
אלע בלומען אויפגעעפענט, אלע בוימער גרין;
נאר מיין ליבער פריינד און חבר זיצט היינט ביים מאשין.
גרינע פעלדער, גרינע לאנקעס רופען אונזער העלד:
לאז די ארבייט, קום געניסען, יום טוב איז אין פעלד!
יום טוב אויף די בערג און טאלען, יום-טוב אומעדום;
יעדער זונענשטראל פון הימעל קושט זיך מיט א בלום.
און די הימלען זיינען לויטער, טיעף און ריין און בלוי;
איטלאכס גרעזעל אויף זיין קעפעל טראגט א טראפען טוי.
ס'דאכט זיך, אז דאס יונגע גרעזעל פרעהט זיך מיט זיין לוין:
נאט'ס א שענער ריינער דימענט פינקעלט אויף זיין קרוין.

תונדערט און דרייסיג

לאכט די וועלט אין ווייסע בליטען, זיץ איך און טראכט:
פאר זיין וועלט עס האט דער בורא יום־טוב היינט געמאכט;
רייך־געפלעקטע זומער פייגעל האווען אום אין לופט
און זיי שוועבען און זיי טוקען זיך אין פרילינגס־דופט.
נאר די ליבע קינדער זיינע, קראנק און מיעד און בלאס,
זיי פארוועלקען ניט געבליטע אין דער ענגער גאס.
אין דעם פעלד, די זומערפייגעל דארפען ניט קיין הויז;
זייער דירה איז א בעכער פון פריהלינגס־רויז.
זייער דירה איז א בלעטעל, איז א בלימעל'ס ברוסט;
בלעטעל־בלימעל וואס פון הימעל ווערען אויסגעקושט.
שטענדיג האלטען זיי אין זויגען זיסען האניג־זאפט,
פון די רויזען, פון די בלומען זאמלען זיי די קראפט.

לאכט די וועלט אין ווייסע בליטען, זיץ איך און איך טראכט:
פאר זיין וועלט עס האט דער בורא יום טוב היינט געמאכט.
יום טוב, יום טוב אין די וועלדער, אך ווי גוט איז דארט!
יעדער פויגעל פאר זיין נעסטעל זוכט זיך אויס אן ארט.
איינער אין געדיכטע צווייגען פון א סאסנע־בוים;
אויף דעם שפיץ פון א בעריאזע איז דעם צווייטענס טרוים.
און א דריטער בויט זיין נעסטעל אויף א פעלזענשטיין,
און ער זינגט דארט זיינע לידער פאר דעם פעלז אליין.
אזוי הענגען אלע נעסטלאך — יעדעס נעסטעל פריי;
פייגעל ווארפט מען ניט פון דירה ווען עס קומט דער מאי.

א מענש מיט אַ האַרץ

עס וואַנדערט אַ דיכטער, און מענשען נאָך איהם,
די גאַסען פון מענשען אַזש שוואַרץ;
און איטליכער לאַכט און אַ יעטווידער שפּאַסט:
„אַט געהט אום אַ מענש מיט אַ האַרץ".

אין צייטען פון בלוט זאָל אַ מענש מיט אַ האַרץ
אַרומגעהן אַליין אין אַ שטאָדט?
און איטליכער רעדט און אַ יעטווידער גאַפט:
„אַט דאָס איז אַ וואונדער פון גאָט!"

אין צייטען פון בלוט זאָל אַ מענש מיט אַ האַרץ
אַרומגעהן אין גאַס גאָר אַליין?
און ווער נאָר אין גאָט און אין טייפעל עס גלויבט,
יער וואַרפט אויף דעם דיכטער אַ שטיין...

הוגדערט און צוויי און דרייסיג

היט אָפּ דײַן האַרץ

נישט גיב אַרײַן דאָס גאַנצע האַרץ
ווען דו זיצסט און שפּינסט אַ לידעל.
ווײַל אַ האַרץ, מײַן ליבער פֿרײַנד,
איז ניט קײן סטרונע פֿון אַ פֿידעל.

פּלאַצט אַ סטרונע, נעהמט נישט לאַנג
און ס'ווערט אַ נײַע אָנגעצויגען.
איז דער פֿידעל ווידער גאַנץ;
ווידער קושט איהם אויס דער בויגען.

אָבער ווען עס פּלאַצט אַ האַרץ,
דעמאָלט הערט אויך אויף דאָס לעבען;
און אַן אַנדער האַרץ, מײַן פֿרײַנד,
וועט דער בורא דיר נישט געבען...

אויב ס'איז אמת

אויב ס'איז אמת, קינדער מיינע,
אז פון ריינע האַרצענס-טרערן
אויסגעוויינט אין טיפסטען פיין,
זומען אַלע רייכסטע פּעריל,
טוט דער ים צו מיר געהערען,
איז דער ים אין גאַנצען מיין...

הונדערט און פיר און דרייסיג

צווישען הימעל און וואסער.

הימעל און וואסער און ליכטיגע שטערען,
א לויטערע נאכט;
הימעל און וואסער אלץ פינסטערער ווערען —
א שטורעם ערוואכט.

ווערען פארלאָשען די ליכטיגע שטערען,
א בליץ און א פלאם;
ס'דאכט זיך דער בורא נעמט ברענענדע שווערדען
און טונקט זיי אין ים.

קולות פון דונערם און רוישען פון כוואליעס,
דער חושך איז טיף;
דער מעכטיגער צאָרען פון מעכטיגען בורא
באגלייט אונזער שיף.

די ליכטיגע פלאמען פון בליצען דערציילען
א פינסטערען סוד —
רייסען זיך תפילות פון מענשען צום הימעל
און בעטען צו גאָט...

וועל איך שליסען מיינע אויגען

וועל איך מיינע אויגען שליסען,
ליגען מיט די פיס צום טיר,
זאָלסטו, חבר, גאָר ניט קלאָגען;
זאָלסט צו זיך אַליין נאָר זאָגען:
„ס'איז איהם בעסער שוין פון מיר...“

מיין האַרץ

מיין האַרץ, דאָס איז אַ טיפער ים
מיט זעלטען רייכע פּעריל;
דאָרט טאַנצט אַרום אַמאָל אַ פרייד
געאַרעמט מיט אַ טרעריל.

מיין האַרץ, דאָס איז אַ כשוף־נעץ
פון טויזנטער געוועבען;
דאָרט שפּינט זיך אויס די טונקעלע
און העלע זייט פון לעבען.

מיין האַרץ, דאָס איז אַ וואונדערלאַנד
וואו זילבער־גלאָקען קלינגען;
אַ לאַנד, וואו קראָען שעלטען בייז
און נאַכטיגאַלען זינגען.

מיין האַרץ, דאָס איז אַ פידעלע,
וואָס קיינער קען ניט שאַצען;
וואָס וועט אין מיטען שפּילען נאָך
אויף אַלע סטרונעס פּלאַצען.

א וואונטש

אונטער ווייס־צובליטע צווייגען,
אין דעם שאָטען פון א בוים,
וואָלט איך וועלען אז פארלאָשען
ווערען זאָל מיין לעצטער טרוים.
אויסגעקושט זאָל ווערען דאָרט
די בענקענדע נשמה מיין,
אויסגעקושט פון גאָט אליין.

דאָס מידע הארץ, וואָס האָט געלעכצט
א לעבען־לאַנג נאָך וואלד־געזאַנג,
נאָך רויזען־דופט און זונען־שיין,
פאר׳חתמ׳נען זאָל גאָט אליין.
און ווייט פון מענשען זאָל דאָס זיין;
וואו צווישען פעלז און שטיין
א וואסער־שנירעל לוסטיג רינט
פון זונען־ליכט ארומגעשפינט,
און עס איילט אוועק ווייט־ווייט,
אין פרומער, שטומער איינזאמקייט...

הומאָריסטישע לידער

י. אדלער

צום נודניק

מעגסט זיין ווי געבילדעט, געראָטען און קלוג
און האָבען א נאָמען און געלד אויך גענוג,
און זיין פון יחסנים געבאָרען;
קוים האָסטו א צינגעל, וואָס פּלאַפּעלט און רעדט
וואָס גלעקעלט ביים אויפשטעהן און פיהרט דיך צום בעט,
דאַן האָסטו דעם גרעסטען חסרון!

מעגסט האָבען א טיטעל און זיין פילאָזאָף,
און זיין אויך א שרייבער און קלוג אָהן א סוף,
און טויזענדער ביכער געלעזען;
קוים האָסטו א טבע צו פּראַזלען א סך,
פאַרמוטשען דאָס לשון, פאַרמוטשען די שפּראַך,
דאַן וועט מען דיין שרייבען נישט לעזען!

הונדערט און איין און פערציג

מעגסט אויך זיין א רעדנער, באַריהמט אויף דער וועלט,
מעגסט ריידען פון היץ און מעגסט פּלאַפּלען פון קעלט,
אוּן פליהען העט־הויך אין די הימלען;
קוים רעדסטו ניט דייטליך, מען זאָל דיר פאַרשטעהן,
דאַן וועט זיך דער עולם צו ביסלאַך צוגעהן,
אַז ניט וועט ער זיצען און דרימלען.

און שרייבסטו, טאָ שרייב נאָר פאַרשטענדליך און ריין,
דער לעזער, ער זאָל ניט צוברעכען די ציינן.
געגוג שוין מיט פראַזען געדראָשען!
און רעדסטו, טאָ זיי ניט דעם עולם'ס פּראָפּעט,
נאָר רייד ווי דיין באָבע אַמאָל האָט גערעדט:
דאָס אמת'ע, אידישע לשון!

און קענסטו ניט שרייבען און ריידען צום פאָלק,
עס זאָל זיין געשריבען, גערעדט מיט א טאָלק,
טאָ שטום ווי עס שטומט א בית עולם!
און זיי ניט קיין פיהרער און דרעה ניט קיין קאָפּ,
און „האַק ניט קיין טשייניק" און טראָג זיך באַלד אָפּ
און הער אויף צו מוטשען דעם עולם!

י. אדלער

מיינע „מיליאָנען"

מיין ווייבעל איז גליקליך, מיין ווייבעל איז רייך,
און קיינער צו איהר אין דער וועלט איז ניט גלייך,
כדאי זיך מיט איהר צו באַקאָנען;
ביי איהר איז אַ קינד — זאָגט זי — ווערט אַ מיליאָן,
און קוקט זי די עטליכע קינדערלאַך אָן,
דאַן קוועלט זי פון איהרע „מיליאָנען".

„ווען ניט די מיליאָנען" — עס זאָגט מיר מיין פרוי:
„ווען ניט אַט די קליינוואַרג, וואָס פלוידערט אזוי,
אין שטוב וואָלט געוועזען אַנ'אומעט;"
און באַלד האָט דער זעלבער „מיליאָן" ניט קיין ווערט,
אַט וואַלגערט זיך אום שוין דער „אוצר" אויף דר'ערד.
מען טרעט אויף דעם „אוצר" ארומעט...

אַט קומען די אינגלאַך און מיידלאַך פון שול,
מיט קולות: „גיב עסען", די שטוב ווערט באַלד פול,
די טעכטערלאַך קליידלאַך מאַהנען.
עס ווערט אַ גהנום, דער טומעל איז גרויס,
עס געהט שוין מיין פרוי פון די כלים ארויס
און פאַלט אָן אויף איהרע „מיליאָנען".

זי כאַפּט אַ „מיליאָן" און צודרעהט איהם אַ האנד,
אַ צווייטער וויל לויפען און פאַלט אויף דער וואנד
און מאַכט זיך אַ בייל אויף דעם שטערען;
ד ע ם רייסט זי אַן אויער, ד ע ם שינדט זי אַ פעל,
עס דוכט זיך, עס ווערט פון די „אוצרות" אַ תל,
מיר בלייבען שוין אוים מיליאָנערען!

איהר כעס געהט אריבער... אין שטוב איז שוין שטיל.
און ווידער וואַכט אויף י ע נ ע ר מוטער־געפיהל,
געלייטערט אין געטליכע קוואַלען;

און ווידער ווערט פרעהליך און לוסטיג אין הויז,
און ווידער זי קושט די „מיליאָנטשיקעס" אויס,
אין הויבט אָן פאַר נחת צו שטראַלען.

איך היט די „מיליאָנען", איך שטעה אויף דער וואך.
מיין ווייבעל, מיין טרייע, זי טהוט זיך איהר זאך
און זאָרגט פאַר די קינדער'ס ערנעהרער;
עס נעהמט ניט אפילו קיין קיילעכדיג יאָהר,
און ווידער דאָס אידישע פאָלק האָט א דור
און איך — א „מיליאָנטשיקעל" מעהרער...

איך בעט ביי מיין ווייבעל בייטאָג און ביינאַכט.
„גענוג שוין, גענוג שוין מיר גליקליך געמאַכט.
טו פאָלג מיך, דו ביזט דאָך א קלוגע:
לאָז איבער א ביסעל פאַר אנדערע לייט,
די „אוצרות", זיי מאַכען מיך גרוי פאַר דער צייט,
איך ווער פון גרויס „רייכטהום" משוגע!

„וואָס דאַרפסטו „מיליאָנען" מיט פיס און מיט הענד,
וואָס טראָגען צו־מאָל ניט קיין פּערטעל פּראָצענט,
וואָס טויג דיר צו זיין אזא גבירה?
וואָס טויג דיר, וואָס נוצט דיר די זיבען „מיליאָן",
אז כ'האָב ניט קיין געלד ווען דער ערשטער קומט אָן,
דאַן וואַרפט מען אַרויס אונז פון דירה

„יאָ, דיינע מיליאָנען", זיי קאָסטען מיך בלוט:
פאַר באַשקען א קליידעל, פאַר פּייוועלען א הוט,
כאָטש נעהם און פאַר'משכון דעם טלית!
און וואָס איך פאַרדין גור און וואָס איך נעהם איין,
אין דיינע „מיליאָנען" געהט אַלצדינג אריין,
עס שטעלט מיך דיין „רייכטהום" בדלות!...

י. אדלער

געדענקסטו?

(נאָך ראָזענפעלד'ס „פאַרפיהרטע")

געדענקסטו, דו ממזר, דו טרפה'נער אָדער,
דו האָסט מיר פאַרשפּראָכען צו לייהען א קוואָדער,
א זילבערנעם קוואָדער. און גאָר נישט געגעבען?
וואָלסט מיך דאָך דאַמאָלט דערהאַלטען ביים לעבען!
געדענקסטו נאָך יענע שטיל־הייליגע רגע?
צום סוף האָסטו, בלאָפער, פאַרבלאָפט דיין קאָלעגע:
אָ, ווער האָט פאַרשטאַנען דיין מיאוס'ע כונה?
אָן עדות געווען איז די העלע לבנה,
ווען דו האָסט געשוואָרען, דו טרפה'נער אָדער,
אויף מאָרגען צו מיטאָג מיר לייהען דעם קוואָדער,
און טאַקע אויף מאָרגען באַלד האָסטו פאַרגעסען!
און איך האָב דעם טאָג ניט קיין דינער געגעסען!
אָ, וואַרט נור, דו ממזר! איך וועל דיר דערטאַפּען,
און דיך ווי א וויינינגען עפּעל צוקלאַפּען!

געדענקסטו, איך האָב דיך געבעטען מיט טרערען:
וואָס טויג דיר דאָס בויען, דערנאָך דאָס צושטערען,
מיר נעהמען די קישקעס... מיך מאַטערן... פּלאָגען...
אומזיסט און אומנישט מיר צורייצען דעם מאָגען?
דאָך, האָסטו א הייליגע שבועה געשוואָרען:
„אַז גאָט זאָל דיר געבען פאַרשניטענע יאָהרען",
אויב דו וועסט דעם קוואָדער מיר מאָרגען ניט לייהען,
און מיך אויף א טאָג כאָטש פון הונגער באַפרייען —
אָ, ווער האָט געוואוסט דאַן, אַז דו וועסט מיך בלאָפען?
כ'בין דאַמאָלט נעגאַנגען א גליקליכער שלאָפען,
גע'חלומ'ט... אָט, אָט, און דו טרפה'נער אדער
דערלאַנגסט מיר אין האַנד שוין דעם זילבערנעם קוואָדער.
איך זיץ און איך עס מיר א סטייק, א געשמאַקען,
דערצו נאָך קאַרטאָפעל, עס פלאַמען די באַקען.

מיט פייער באַזינג איך די פריידען פון לעבען;
עס גליהען די אויגען און לידער זיך וועבען.
עס קלינגען אין הארצען גין־גאָלדענע גלאָקען,
עס ליבט מיך אַ מיידעל מיט העל־בלאָנדע לאָקען.
איך פיהל עפּעס מאָדנע. אי לוסטיג, אי פרעהליך,
אַ גליקליכער פּרינץ פון אַ גליקליכען מלך!
די נאַכט איז אין נעפּעל, אין בלויען, צורונען;
עס האָט מיך די זון אַ פּאַרלאַכטען געפונען;
די אויגען געעפענט. אַ פינסטערער חלום!
דער זילבערנער קוואָדער איז הבל־הבלים.
קיין קלינגען אין הארצען פון גאָלדענע גלאָקען,
קיין מיידעל, קיין כלה מיט העל־בלאָנדע לאָקען —
כ׳געדענק יענע נאַכט און... איך וועל זי גערענקען!
זאָל גאָט דאָרט אין הימעל אַ סיבה דיר שענקען!

איך האָב זיך ביי דיר ווי ביי אַ גזלן געבעטען:
וואָס טויג מיר דיין חניפה, דיין שמייכלען, דיין גלעטען
אָ, לאָז מיך! גענוג שוין, גענוג שוין צו ברייען,
איך וועל ביי אַ צווייטען אַ קוואָדער מיר לייהען!
אַ דיכטער בין איך און איך לעב פון מיין שרייבען.
איך וועל שוין אַ קבצן, אַ דלות פאַרבלייבען;
דאָך האָסטו מיט זיסע, מיט קונציגע ריידלאַך,
מיט נארישע פּראַזען און קרוטשקעס און דרעדלאַך
די אויערען פּאַרדורעט. דעם קאָפּ מיר פּאַרטשאַדעט.
ביז שפּעט אין דער נאַכט מיך געיאָדעט, געיאַדעט,
אויף מאָרגען ערשט האָב איך דיך ריכטיג באַגריפען.
באַגריפען ווי שאַרף ס׳איז דיין צינגעל געשליפען,
אַז דו ביזט אַ ממזר, אַ טרפה׳נער אָדער,
אַז ווערען דערוואָרגען זאָלסטו מיט׳ן קוואָדער!

י. אדלער

זאָגט דעם אמת

זאָגט דעם אמת!
זאָגט, נאָך וואָס עס קען מיר טויגען
בלאָנדע לאָקען, בלויע אויגען,
רויטע ליפּען, ווייסע צייהן
און אַ פּיסקעל מלא חן,
און איהר שמייכעל און איהר לאַכען,
ווען מען דאַרף צו אַלע זאַכען
האָבען פריהער אַ מיידעל —
נישט אַזוי?

און וואָס איז מיר פּאַר אַ חילוק,
צו די פאַרבען זיינען ביליג,
ביליג אָדער זעלטען טייער,
צו דו טונקסט די פען אין פייער
צו אין טיפען, קאַלטען ים
אָדער אין אַ טינטער סתם?
צו פון גין־גאָלד איז דאָס הארץ,
צו די אויגען זיינען שווארץ,
אָדער ווי דער הימעל בלאָה,
אז קיין מיידעל איז ניטאָ?
נישט אַזוי?

אָ, איך קען שוין אָט די שרייבער,
אָט די שעהנע פראַזען־קלייבער;
אָט די זאַמלער פון די ווערטער!
כ'ווייס אפילו י ע נ ע ערטער

וואו זיי האָבען זיי גענומען.
יע, עס האָבען מיינע ברידער
אויסגעמאָלקען פרעמדע לידער,
נישט אזוי?

זאָגט דעם אמת פּראזען־קלייבער,
איהר מחברים, איהר פּאַרפאַסער,
וואָס איהר טרינקט אליין שאַמפּאַניער
און דער עולם גיט איהר וואַסער
נישט אזוי?

אָ, ניט שעמט זיך, איהר קאָלעגען!
טאָמער וועט אייך עמיץ פרעגען:
וואו האָט איהר די פּאַרב גענומען
צו באַפּאַרבען טויטע בלומען,
זאָגט דעם אמת: „ס'איז ניט מיינע.
ס'איז געבאָרגט פון היינריך היינע
און אפילו אויך פון פרוג"
זאָגט דעם אמת און גענוג!

אָבער ווען איהר וועט זיך פוילען
און דעם אמת דאָך פאַרהוילען
און נישט זאָגען אקוראַט,
וועל איך ליבע, גוטע ברידער
נעהמען באַלד „דאָס בוך דער לידער"
פון דעם גרויסען דיכטער היינע
און וועל ווייזען: דאָס איז זיינע
דאָס איז זיינע, דאָס איז זיינע.
איך וועל מישען בלאַט־נאָך־בלאַט,
אָט אזוי דעם גאַנצען היינע!
זאָגט דעם אמת ברידער מיינע!...

י. אדלער

אַ נבואה

וועסט קומען מיין ברודער,
פון ארבייט אַ מידער,
וועסט געהן צו אַ מיטינג
זיך זעהן מיט די „ברידער”.
וועסט לאַנג דאָרט ניט בלייבען
און געהן אויף אן „ערטעל”,
און אָפּזיצען שטונדען
און מאַכען אַ קערטעל,
און שפּילען מיט חשק,
און שפּילען ביז וואַנען
דו וועסט אין דיין ווייבעל
זיך שפּעטער דערמאָנען.

נו, וועט זיך אין הארצען
ביי דיר ווי אַ פייער
צוגליהען אַ בענקען.
דיין ווייבעל אין הויז וועט
אַ קללה דיר שענקען;
אין הארצען, אין טיפען,
אַ שנאה פאַרזיגלען;
און תיכף די טירען
פאַרשליסען פאַרריגלען.
דאַן וועסטו אהיים געהן
און טראַכטען אַ ליגען.
און שטיל ווי אַ גנב
ארויף אויף די שטיגען,
און שטעהן און זיך בעטען:
„מיין טייערע זיסעל,
איך האָב ביי דעם מיטינג
פאַרלאָרען דעם שליסעל”.

הונגדערט און בײן און פערציג

און זי, אָט דיין ווייבעל,
וועט הערען און שווייגען
און פלעכטען די פינגער,
די צאַרטע, אין פייגען,
און וועט דיר קיין ענטפער ניט געבען!

נו, וועסטו אין פינסטער
די קליאַמקע דערטאַפּען,
און אָנהויבען בראָזגען
און אָנהויבען קלאַפּען,
און זי, אָט דיין ווייבעל,
וועט הערען און שווייגען,
און פלעכטען די פינגער,
די צאַרטע אין פייגען,
און וועט דיר קיין ענטפער ניט געבען!

עס וועט אין דיין האַרצען
זיך צינדען אַ צאָרן,
דו וועסט זיך פאַרשילטען
די טעג און די יאָהרען;
און שטאַרקער נאָך קלאַפּען
און וועקען די שכנים,
ניט לאָזען זיי שלאָפען,
און אַלע ביז איינעם,
זיי וועלען דיך שטראָפען
און קללות דיר וועבען,
און זי אָט דיין ווייבעל,
וועט הערען און שווייגען,
און פלעכטען די פינגער,
די צאַרטע אין פייגען,
און וועט דיר קיין ענטפער ניט געבען!

נו, וועסטו זיך טראַכטען:
„זי שלאָפט ווי אַ טויטע",
און שטעהן אין דער פינסטער
אַזוי ווי אַ שוטה
און פּלאַצען פון צרות,
פון פּיין און גריזאַטע,
און וועסט אויף דער הייראַט
שוין האָבען חרטה
און וועסט אין מחשבה
זי גט'ן באַשליסען,
דיין שטערען, ער וועט זיך
מיט אנגסטען באַגיסען.
און זי אַט דיין ווייבעל,
וועט הערען און שווייגען,
און פלעכטען די פינגער,
די צאַרטע אין פייגען,
און וועט דיר קיין ענטפער ניט געבען!

וועסט טראַכטען אַ בייזער:
„איך וועל זי פאַרשטיינען",
וועסט הערען אין שטילקייט
אַ קינד ערגעץ וויינען.
וועסט הערען אַ שכן'ס
אַ זייגער וואו שלאָגען;
וועסט הערען פון ווייטענס
אַ רויש פון אַ וואָגען;
אַ וואָגען, אַ שווערען,
מיט בלעכענע קאַנען —
און נאָכאַמאָל וועסטו
דיין ווייבעל דערמאָנען;
און נאָכאַמאָל וועסטו

די קליאַמקע דערטאַפּען,
און נאָכאַמאָל ווענסטו
אי בראַזגען, אי קלאַפּען
און רופען און בעטען,
מיט ווערטער זי גלעטען:
„מיין טייערע זיסעל,
איך האָב ביי דעם מיטינג
פאַרלאָרען דעם שליסעל".
און זי אַט דיין ווייבעל,
וועט הערען און שווייגען,
און פלעכטען די פינגער,
די צאַרטע אין פייגען,
און וועט דיר קיין ענטפער ניט געבען!

צום סוף וועט דאָס האַרץ דיינס
אין פייער זיך טונקען;
דאָס אויג דיינס וועט שפּריצען
מיט גליהענדע פונקען...
און שטאַרקער דער פייער
ער וועט זיך צוברענען,
און טראַכטען: „די ווייבער,
סאַ חברה זיין זיינען!"
און וועסט ווי אַ וויכער
אַרונטער די שטיגען,
און זי אַט דיין ווייבעל,
וועט ליגען און שווייגען
און פלעכטען די פינגער,
די צאַרטע, אין פייגען,
און וועט דיר קיין ענטפער ניט געבען!

דרייצעהן סענט אַ שורה...

„ווייט פארפלויגען ביזטו, קדיש,
איבער ווייטע ים׳ען.
און פארגעסען האָסטו דאָרט דיין
טאַטען און דיין מאַמען.

„זעה, אַ בריוועל, זוהן געטרייער,
אונז אהיים צושיקען,
טו דאָס הארץ פון טאַטע, מאַמע,
מיט אַ וואָרט דערקוויקען!"

און געענטפערט האָט דער קדיש:
„ס׳טוט מיר שטארק פארדריסען;
כ׳וואָלט דאָס לעבען מיט אַ בריוועל
אייך געוואָלט פארזיסען.

„נור איך קען ניט... כ׳בין אַ גדול
צווישען די פּאָעטען;
און מען צאָהלט מיר אויף דער שורה
דאָ, אין די גאַזעטען.

„פאַר אַ יעדער ליעד אין גראַמען
וואָס איך שיק אין „לעהרער",
קריג איך דרייצעהן סענט אַ שורה,
און אַמאָל — נאָך מעהרער.

„פאַר די קלענסטע זאַך אין „פּראָזאַ",
פאַר אַ מינדסט אַרטיקעל,
ווערט געצאָהלט מיר גרויסע געלדער:
איטלאַכס וואָרט אַ ניקעל.

„און דערפאַר, מיין ליבער פאָטער
און מיין ליבע מוטער,
קען איך אייך קיין בריוולאַך שרייבען,
זיין צו אייך אַ גוטער.

„כ'זאָל אייך ווען בריוולאַך שרייבען
און אייך שרייבען אַלעס,
וואָלט פאַרנעהמען הונדערט שורות,
און דאָס איז אַ דלות!

„הונדערט שורות — ווען אין גראַמען
לויט דעם פּרייז פון „לעהרער",
קען באַטרעפען זעכצעהן דאָלאַר,
און אַמאָל נאָך מעהרער.

„לאָזט עס געהן ווי ס'איז געגאַנגען,
טראָגט אין הארץ די שמאַרצען —
כ'זאָל פאַרלירען זעכצעהן דאָלאַר,
איז אַ ריס אין הארצען!"

י. אדלער

א זעלטענע ווייבעל

אך, קלוג איז דאָס ווייבעל, שוין איינמאָל אַ קלוגע!
ניט יעדען האָט גאָט אזא אוצר באַשעהרט.
איהר מאַן זיינען הונדערטער מענער מקנא,
איך זאָג אייך: אַ מלאך פון הימעל אויף דר'ערד!

זי לייענט ניט קיין צייטונג, זי לייענט ניט קיין ביכער,
זי לאַכט פון געבילדעטע מענשען זיך אויס;
זי מיינט, אז אַ פרוי איז פון בורא באַשאַפען
נאָר תמיד צו זיצען ביים מאַן אויפ'ן שויס.

און ווערען אַ מאַמע און ניאַנטשען אַ קדיש,
זיך פוצען און פאַרבען — צו דעם האָט זי לוסט.
און טראָגען רכילות און געהן אין טעאַטער,
און ווערען געצערטעלט און ווערען געקושט.

דער מאַן איז איהר האר און איהר מעכטיגער קעניג.
און ווערט זי באַליידיגט — איז מאַכט זי אַ שווייג.
זי מיינט אז אַ פרוי איז ניט מעהר ווי אַ פויגעל
וואָס אייביג געפאַנגען דאַרף זיין אין אַ שטייג.

וואָס רייד איך! איהר מאַן איז נאָך מעהר פון אַ קעניג!
זיין וואָרט איז אַ תורה, זיין הויך איז אַ גזר.
אַ זעלטענע ווייבעל, אַ צווייטע שולמית,
אַ זעלטענע שעהנהייט, אַ זעלטענער נאַר!

אַ פרעהליכע נשמה

הערט זיך צו וואָס האָט געטראָפען
אין אַ דיכטערס הויז.
ס'טוט אַ זאָג אזוי זיין ווייבעל:
„יאנקעל, הער מיך אוים.
ס'איז שוין מעהר ניט אויסצוהאַלטען,
אונזער נויט איז גרוים.

„קאַלט אין צימער... און דער אויווען
חלש'ט נאָך אַ קויל,
ווי די פייגעל, ערשט געבאָרען,
אַלע קינדער הויל,
און זיי האָבען שוין זייט נעכטען
ניט געהאַט אין מויל.

י. אדלער

„וואָלטען זיי זיך כאָטש דערוואַרימט
מיט אַ לעפּעל גריץ" —
זאָגט ער: נאַריש ווייבעל, פאָלג מיך,
גיב די קינדער שמיץ,
און פאַר דיר האָב איך אַ גוטען,
אַ געשמאַקען וויץ.

נו, האָט זיך זיין טרייע ווייבעל
צאָרענדיג צורעדט.
נעהמט ער און בעפעהלט די קינדער:
„שוין אריין אין בעט!"
און פאַר דיר, זאָגט ער צום ווייבעל
האָב איך אַ סאָנעט.

„יאַנקעל, וואָס וועט זיין דיין תכלית",
הויבט זי ווידער אָן —
זאָגט ער: נאַריש ווייבעל, לאָמיר
האָבעןביידע „פאָן".
כ'וועל דיר לעזען גאָר אַ פיינעם,
גוטען פעליטאָן.

עפענט זיך ביי איהר דאָס פּיסקעל,
האָגעלט זי מיט האָס,
און די קללות איהרע הערט מען
וויט ארוים אין גאָס.
זאָגט ער: שילט ניט, כ'וועל דערצעהלען
דיר אַ שעהנעם שפּאָס.

נעהמט זי שרייען, שילטען העכער,
און איהר צאָרן — זידט...
זאָגט ער: נאַריש ווייבעל, שריי ניט,

מאַך ניט קיין ירידו!
ווילסט זיך קאַטשען פון געלעכטער?
הער זשע אויס מיין ליעד...

ווערט זי שטאַרקער נאָך צופלאַקערט,
טענה'ט מיט אַ פלאַם:
„ס'פעהלט די קינדער אויס צום עסען!"
גיב זיי, זאָגט ער, סם...
כ'זאָרג זיך מעהרער וואָס צום לידעל
פעהלט מיר אויס אַ גראַם...

כ'לאַך פון דיר, מיט דיינע קינדער,
וואס איז מיר אַ ווייב!
ווייב און קינדער זיינען מעהר ניט
ווי' אַ צייט־פאַרטרייב.
אמת פאַרגעניגען האָב איך,
ווען איך זיץ און שרייב!

אין אַ וועלט פון בלומען שוועבט אום
מיין נשמה דאַן;
און קיין גרעסטער גליק פאַר די איז,
גלויב מיר, ניט פאַראַן.
און דו דאַרפט זיך שעצען גליקליך
וואָס איך בין דיין מאַן!

ניׂשט געזאָרגט!

האָסט זיך נאָך ניׂשט אָפּגעפּרווירען
דיינע לאַנגע, עזעל־אוירען,
פון די הענד און פיס די פינגער,
און דיין אָדלער־נאָז, די קרומע,
האָבען זאָלסטו ניׂשט קיין שרעק!
זאָלסט זיך, חבר, גאָר ניׂשט זארגען,
ווייל דאָס קען פּאַסירען מאָרגען,
מאָרגען אדער איבער־מאָרגען.
ווינטער איז נאָך ניׂשט אוועק.

גערהסטו אום, מיין פריינד, מיין יונגער,
און דיך מאַטערט דאָרשט און הונגער,
און דיר דאכט, אז נאָך דיין מאָגען
וועסטו באַלד א קדיש זאָגען,
און צו ליידען איז דיר שווער —
זאָלסטו, חבר, גאַרנישט זארגען,
ווייל עס קאָן פאסירען מאָרגען,
מאָרגען אָדער איבער־מאָרגען,
זאָלסטו, חבר, ליידען מעהר!

טאָמער וואנדערסטו ארומעט,
און אין הארצען נאָגט אַן אומעט,
צרות האָסטו פון רעדאקטער,
אויף דיין חשבון וויצען קנאקט ער
און פארשאפט דיר טיפען פיין;
זאָלסטו גאָרנישט זיפצען, זאָרגען,
ווייל עס קאָן פאַסירען מאָרגען,
מאָרגען אָדער איבער־מאָרגען
זאָל דיר, פריינד, נאָך ערגער זיין!

אָט האָב איך אַ פריינד אַ גוטען,
וואָס זיין הארץ טוט מעהר נאָך בלוטען;
וואָס ער האָט שוין לאַנג פארגעסען
וואָס עס הייסט אַזוינס גאָר עסען,
דאָך פארלאַכט ער יעדער טרער;
ער פארלאַכט די שרייבער־גרענדע,
זאָגט אַ ווערטעל נאָך צו ענדע,
האַלט אַ סענט פאַר אַ לעגענדע,
אַ לעגענדע, און נישט מעהר!

י. אדלער

ווען דיכטער ליבען

עס ליבען די דיכטער אין הייליגע רגע'ס,
ווען ס'הארץ ווערט פון ליבע פארברענט;
און מיידלאך בא'חנ'טע, מיט לאָקען, מיט בלאָנדע,
מיט ווייסע, מיט ווארימע הענד.

מיט אויגען ווי שטערען, מיט בליקען ווי פונקען,
צוויי קוואלען פון ליכט און פון שיין;
מיט הערצער ווי ימים. און יעדעס באזונדער
א זאמלונג פון לידער זאָל זיין.

און דוקא פון פושקין, פון שיללער און בייראָן,
פון היינע, פון שעללי און ווײַלד;
אויך זיין זאָל א ווינקעל פאר זייערע לידער
אין איטליכעס הארץ אָפּגעטיילט.

און מיידלאך וואס ליבען צו לעזען לעגענדען,
וואָס זיינען ווי בלומען צושפּרייט
אין ספרים, אין אַלטע, פון שעהנע בת־מלכה'ס
אויף בעטלאך פון גין־גאָלד און זייד.

אזעלכע מיידלאך נאָר ליבען די דיכטער,
די דיכטער, וואס מאַכען אונז קראַנק;
זיי ווילען אויך טעכטער פון גרויסע נגידים
מיט שווערע ממתקים אין באנק!

אלמעכטיגער בורא, דו האר פון רחמנות.
באגליק שוין, באגליק שוין דאָס יאָהר,
די יונגע, די בלאַסע, פארליבטע פּאָעטען,
דאָס פּאָלק פון צושויבערטע האָר.

גלייבט ניט אַמעריקא

א בראָנזוויילער אידעל אמאָל האָט
א פּאָר הונדערט דאָלאר געהאט ;
זיי זאָלען ניט געהן איהם פארלאָרען,
געוואלט האָט ער קויפען א לאָט.

אוועק איז ער באַלד אין אַן אָפיס
און דאָרטען מיט שמחה ערקלעהרט :
„מיסטער, קומט צייגט מיר א לאָט'ל.
כ'וויל קויפען א שטיקעלע ערד".

מען האָט איהם געוויזען א „בארגיין",
געמאָסטען די ערד מיט א מאָס,
געוועזן איז עס „צוואנציג־ביי־הונדערט"
באוואקסען אין גאנצען מיט גראָז.

נו, טוט זיך א פרעג אָט דאָס אידעל:
„דאָס לאָט'ל וויפיל האָט די ווערט?"
דערהערט נאָר דעם פרייז פון דעם לענדלאָרד,
עס ליגט שוין דאָס אידעל אויף דר'ערד.

און נעמט מיט די נעגעל דאָרט גראָבען
און רייסט אויס און פליקט אויס דאָס גראָז;
און קראַצט דאָרט און קראצט מיט א שפענדעל
און שנאָרכעט און שמעקט מיט דער נאָז.

און ס'פרעגט דאן דער לענדלאָרד, דאָס אידעל:
„סיי, מיסטער, וואס שמעקט איהר די ערד?"
דאָס אידעל געקנייטשט האָט דעם שטערען
און טיף־פילאָזאָפיש ערקלעהרט:

„אמעריקא פול איז מיט שווינדלער,
וואס שווינדלען אויף טיש־און־אויף־בענק;
דאָ האנדעלט מען שטענדיג מציאות
און ס'לאָזט זיך דערפון אויס א קרענק.

„און איידער איך צאָהל די ממתקים
וויל זעהן איך אויב ס'האָט גאָר די ווערט;
פון אויבען קען וואקסען זיך גראָזען
און אונטען — ניט זיין זאָל קיין ערד..."

NOT GUILTY

איך שווער דיר, דו גרויסער, דו מעכטיגער בורא,
איך שווער ביי דיין אלטער און הייליגער תורה,
ביי אלץ וואס ס׳איז הייליג און טייער;
אז איך האָב קיין חטא אין דעם יאָהר ניט באגאנגען,
געשאפען נאָר לידער אין גראמען־געזאנגען,
וואס טויגען — וואס טויגען אויף פייער...

א חוץ מיינע לידער, די גראמען־געזאנגען,
אָ, בין איך קיין איינציגען חטא ניט באגאנגען,
ניט שטראָף מיך, אָ, הימלישער ריכטער;
העלף בעסער מיר קריגען א גרינגע פרנסה,
פון אנדערע קוועלען צו האָבען הכנסה,
דאן ווער איך, איך שווער דיר, אוים דיכטער.

די ערגסטע פרנסה איז לידער צו שרייבען,
צו זיפען די ווערטער, די גראמען צו קלייבען,
און מוטשען מיט זיי דאן די מאסען.
די לידער, זיי גיבען קוים וואסער אויף קאַשע,
און וועה איז דעם דיכטער וואס האָט אזא פאַשע,
שוין גלייכער צו קעהרען די גאסען!

אָט קומט דער רעדאקטאָר און גיט מיר אַן אָרדער:
„כ׳מוז האָבען אויף יום־טוב א ליד פון א באָרדער
וואס איז מיט זיין מיסעס אנטלאָפען;
א ליד, ס׳זאָל דעם לעזער פארכאפּען ביים לעבער,
און טאַקע א גרויסע, א פולינקען צעבער,
א הונדערט און זיבעציג סטראָפען.“

י. אדלער

פארשרייב איך אין בוך פון רעדאקטאָר דעם אָרדער
און נעם זיך באַשאַפען דאָס ליד פון דעם באָרדער,
און וועב דעם פּאָעטישען פּאָדים.
אויף מאָרגען, איך טראָג אָפּ דאָס ליד צום רעדאקטאָר,
אַ מענש, מיט אַ פּראָסטען, געמיינעם כאַראַקטער,
וואס קוקט ווי אַ האָן אין בני־אדם!

ער לייענט דאָס געדיכט און ער קנאַקט מיט די פינגער.
איך טראכט: אָט דערלאַנגט ער די עטליכע קלינגער,
איך דאַרף אַזוי נויטיג קאָלאָשען*)...
עס לייענט דער רעדאקטאָר און רונצעלט דעם שטערען,
איך האָב קיין געדולד ניט... וואס דאַרף ער דאָ קלעהרען?
אָט געהט ער אַרויס שוין מיט לשון:

„דער באָרדער געפעלט מיר, די מיסעס געפעלט מיר,
דער מיסטער געראָטען, און דאָס וואָס ער שעלט איהר
איז פרוג געגען אייך קיין פּאָעט ניט;
איך זאָג אייך, איהר האָט זיך געמאַכט היינט אונשטערבליך,
דאָס ליד האָט אַ ווערט כאָטש אַ פּאָר הונדערט קערבליך,
טו נאָט אייך אַ דאָלער און רעדט ניט!"

אַזוי איז אָ, בורא, דער יאָהר מיר פאַרגאַנגען,
אפילו קיין איינציגען חטא ניט באַגאַנגען,
קיין פלעק איז אויף מיר ניט פאַראַנען;
און האָט זיך געוואָלט מיר אַמאָל שוין אַ לעב טאָן,
אין וועלטעל פון תאוה אַ לוסטיגען שוועב טאָן,
איז אויך ניט געוועזען פון וואַנען...

*) האָב געדאַרפט האָבען ברויט ניט קיין קאָלאָשען, נאָר וואס טוט ניט אַ איד צוליב אַ גראַם?

דער בראָנזווילער „ציטיזען"

שוין לאַנג אַז איך האָב מיינע „ציטיזען"־פּייפּערס
דערצעהלט מיר אַ בראָנזווילער כוואַט;
איך זאָל דאָס פאַרדינען מיט אייך אַלע חודש
וואָס כ'האָב שוין פון וואוטען געהאַט.

איך האָב מיט מיין לאָה'ן אנומעלט באַרעכענט
(געזעסען ביז שפּעט אין דער נאַכט)
פיל כ'האָב שוין געהאַט פון די „ציטיזען"־פּייפּערס,
פיל פּראָפיט זיי האָבען געבראַכט.

און אָט איז דער חשבון, גענוי יעדער ציפער,
איהר נעמט אויף ציקאַוועס, פאַרשרייבט:
אַ דאָלאַר מיט אַכציג באַצאָהלט פאַר די פּייפּערס,
איצט רעכענט וויפיל מיר פאַרבלייבט:

פאַר „טאַמאַני" האָב איך געוואוט אַמאָל זיבען,
צו דאָלאַר מיט פופציג אַ יאָהר.
באַטרעפט דאָס אין איינעם צעהן דאָלאַר מיט פופציג,
און אָט איז דער חשבון אייך קלאָר.

אַ דאָלאַר מיט אַכציג אַרונטער פון חשבון,
טו וויפיל זשע, מיסטער, פאַרבלייבט?

ריכטיג אכט דאָלאר מיט זיבעציג סענטען.
שרייבט ווייטער, זייט מוחל, פארשרייבט:

געוואוט פאר „רעפּאַבליקען" האָב איך אן ערך
א צעהן מאָל — כ'געדענק עס אויף קלאָר;
זיי האָבען געצאָהלט מיר שוין גרעסערע פּרייזען:
צו דאָלאר מיט זעכציג א יאָהר.

צעהן מאָל צו דאָלאר מיט זעכציג באטרעפט דאָס —
סעי, מיסטער, איהר רעכענט, צי ניין?
באטרעפט דאָס אן ערך — אויב כ'האָב ניט קיין טעות...
טו רעכענט שוין, מיסטער, אליין.

איצט קומען צוגעהן זיך צו מיר די גענאָסען
און ווילען ניט אנדערש מיין שטים;
פאר עפּעס אצאָצאַליסט זאָל איך זיי וואוטען,
כ'זאָל געבען מיין שטימע פאר איהם.

א מכה, האָב איך זיי געענטפערט, א מכה!
די פּייפּערס, זיי קאָסטען מיך בלוט;
קענט איהר באצאָהלען צוויי דאָלאר מיט פופציג?
וועט אייערער קריגען מיין וואוט!

נו האָבען די דאָזיגע חברה צולאכט זיך
געציטערט אזש האָבען די ווענט!
און רוהיג געענטפערט: „ביי אונז איז א פּרינציפּ:
ניט צאָהלען דעם וואוטער א סענט!"

זיי ווילען די שטימען גאָר קריגען בחנם;
ראצאָהלען — דאָס האָבען זיי פיינט!
און ווילען דערצעהלען דער וועלט, אז זיי זיינען
די אמת'ע ארבייטער־פריינט!

שטעהען אידען...

שטעהט א אידעל, חיים איציק,
האַלט אַ פידעל מיט אַ שמיטשיק,
און דאָס אידעל אויף זיין פידעל
שפּילט אין גאַס אַ לוסטיג לידעל.
און די קליינע קינדער טאַנצען
און די יונגע אויגלאך גלאַנצען.

מיינט איהר אפשר אז דאָס אידעל
שפּילט דערפאר א לוסטיג לידעל,
ווייל ער האָט נישט וואס צו זאָרגען,
ווייל פארזאָרגט איז שוין זיין מאָרגען,
אַז פאר וואוילטאָג מאכט דער „זינדער"
טאַנצען פרעמדע קליינע קינדער?
נישט געטראָפען!

י. אדלער

נישט דאָס אידעל, נישט דאָס לידעל
האָט אַ שייכות מיט דעם פידעל!
אָט דער קלעזמער, חיים איציק,
וואָלט שוין לאַנג זיין פידעל־שמיטשיק
אָפּגעשיקט צו אַלדי קלאָגען,
נאָר דאָס אידעל האָט אַ מאָגען!

שטעהט א אידעל, משה שימעל,
האלט דעם קאָפּ ארויף צום הימעל,
איז פארטיפט אין טיפען קלערען,
רונצעלט, קנייטשט זיין הויכען שטערען,
קוקט אין קוקט מיט אַ כונה
גלייך ארויף צו דער לבנה!

מיינט איהר אפשר, משה שימעל
קוקט ארויף אצינד צום הימעל
ווייל ער איז פארטיפט אין קלערען,
ווייל ער ליבט צו פאָרשען שטערען,
אדער פאָרשען די פלאנעטען,
אָדער ס׳פליהען דאָרט ראקעטען?
נישט געטראָפען!

אונזער אידעל, משה שימעל,
האָט קיין שייכות מיט דעם הימעל!
משה האלט דעם קאָפּ פאררױסען
נישט דערפאר וואָס ער וויל וויסען
ווי עס דרייט זיך אונזער ערד׳על —
פשוט, ס׳בייסט איהם איצט זיין בערדעל!

פון זונטאָג ביז שבת

זונטאָג אָבענד, זעקס אזייגער,
פּינקטליך, ריכטיג, ווי זיין שטייגער,
ווארט ער אָפּ די שעהנע עטעל
מיט א לאַנגען ליבעס-צעטעל
אין דעם שטילען, גרינעם גאָרטען,
און ער נעמט זי קושען דאָרטען —
זונטאָג אָבענד, זעקס אזייגער.

מאָנטאָג אָבענד, אכט אזייגער,
צו דער רגע, ווי זיין שטייגער,
געהעןביידע שוין געארעמט,
און איהר פּוכקע הענטעל ווארעמט;
און איהר יונגע הערצעל רעגט זיך,
און איהר פולע ברוסט באַוועגט זיך —
מאָנטאָג אבענד, אכט אזייגער.

דינסטאָג אבענד, ניין א זייגער,
צו דער רגע, ווי זיין שטייגער,
קלאפּט ער אָן צו איהר אין לאָדען,
און ער נעהמט צום ים זי באָדען,
און די באקען איהרע פלאמען,
און זיי באָדען זיך צוזאמען —
דינסטאג אבענד, ניין א זייגער.

מיטוואָך אָבענד, צעהן אזייגער,
ריכטיג, פּינקטליך, ווי זיין שטייגער,
קומט דער בחור צו זיין עטעל,
זעצט אוועק זיך אויף איהר בעטעל,
און עס ווארפט איהם ווי אין פיבער,
און זי שעפּטשעט: „גוטער... ליבער..."
מיטוואָך אָבענד, צעהן אזייגער.

י. אדלער

דאָנערשטאג אבענד, עלף אזייגער,
צו דער רגע, ווי זיין שטייגער,
איז ער ווידער אין איר צימער.
און ביים לעמפּעל'ס געלען שימער
פרעגט זי מיט אַ שטים א לייכטער,
אויב ער ליבט זי, אויב ער גלייכט איהר?
דאָנערשטאָג אבענד, עלף אזייגער.

פרייטאָג אָבענד, צוועלף אזייגער,
ריכטיג, פּינקטליך, ווי זיין שטייגער,
געהען ווידער זיי געארעמט,
און איהר פּוכקע הענטעל ווארעמט;
און זי בעט אן „אייז־קריעם־סאָדע",
און ער מאכט זיך כלא ידע —
פרייטאָג אבענד, צוועלף אזייגער.

שבת אבענד, איינס אזייגער,
צו דער רגע, ווי זיין שטייגער,
פיהרט ער אָפּ זי צו איהר מאמען,
און ער נעמט איהר הארץ פאר'סם'ען.
און די ליפּען זיינע ברענען,
און מיט תאוה פול זיי זיינען,
שבת אָבענד, איינס אזייגער.

שבת אבענד, צוויי אזייגער,
שפּרינגט איהר טאטע פון געלעגער,
כאפּט אין האנד א גראָבען שטעקען
און ער נעמט דעם בחור דעקען.
און ער דרעשט זיין זעקעל ביינער,
און עס הערט ניט קיינער, קיינער —
שבת אָבענד, צוויי אזייגער.

אינהאלט:

אמאָל, אמאָל.

לאה — — — — — — — — — — — — — — — — — — פינף
זכריה — — — — — — — — — — — — — — — — — עלף
חצות — — — — — — — — — — — — — — — פינף און צוואַנציג
דער דיכטער אָבל — — — — — — — — — — — זעקס און צוואַנציג
מיין הארץ — — — — — — — — — — — — — — זיבען און צוואַנציג
צו אַ וואַנדער־וואָלקען — — — — — — — — — — — אַכט און צוואַנציג
כ'האָב אַ לעבען לאַנג גע'חלומ'ט — — — — — — — — — ניין און צוואַנציג
איהם חלומ'ט איצט — — — — — — — — — — — — — דרייסיג
די אידיליע פון בית לחם — — — — — — — — — איין און דרייסיג
עס רוישען די הייליגע בלעטער — — — — — — — — — פיר און דרייסיג
אין לאַנד פונ'ם נביא — — — — — — — — — — — זיבען און דרייסיג
אַ נביא איז אַ נאַר... — — — — — — — — — — — ניין און דרייסיג
ביום תהלים — — — — — — — — — — — — — — — — פערציג
דאָס אידיש קינד — — — — — — — — — — — — — — איין און פערציג
דער איד — — — — — — — — — — — — — — — — — צוויי און פערציג
תשעה באָב — — — — — — — — — — — — — — — — דריי און פערציג
קהלת — — — — — — — — — — — — — — — — — — פיר און פערציג
י. ל. פרץ — — — — — — — — — — — — — — — זעקס און פערציג

אין פלאָנטער.

כ'בין אַ פייער דאָרן — — — — — — — — — — — — איין און פופציג
אויביג — — — — — — — — — — — — — — — — — צוויי און פופציג
אין דער ווייטקייט — — — — — — — — — — — — — דריי און פופציג
כ'האָב געוואָגעלט — — — — — — — — — — — — — פיר און פופציג
כ'קאָן דאָס נים פאַרשטעהן — — — — — — — — — — פינף און פופציג
עס שלעפען זיך די יאָהרען — — — — — — — — — — זעקס און פופציג

וועל איך שטאַרבען — — — — — — — — — — — — זיבען און פופציג
און דער רעגען פאַלט — — — — — — — — — — — אַכט און פופציג
ס'איז קאַלט — — — — — — — — — — — — — נײַן און פופציג
אויף מײַן קבר — — — — — — — — — — — — — — — זעכציג
האָב איך פאַרלאַנגט — — — — — — — — — — — אײן און זעכציג
זײט געזונט — — — — — — — — — — — — — צוויי און זעכציג
ערגעץ וואַרט — — — — — — — — — — — — — דרײַ און זעכציג
בעט זיך אַ בוים — — — — — — — — — — — — פיר און זעכציג
לעבען און טויט — — — — — — — — — — — — פינף און זעכציג
פליק איך אָפּ אַ רויז — — — — — — — — — — זעקס און זעכציג
אָרים בין איך — — — — — — — — — — — — זיבען און זעכציג
אײביגער שבת — — — — — — — — — — — — — אַכט און זעכציג
ווי אַ זעמדעל אין דער מדבר — — — — — — — — נײַן און זעכציג
די זון פאַרגעהט — — — — — — — — — — — — — — — זיבעציג
צווישען הויכע בערג — — — — — — — — — — — אײן און זיבעציג
כ'וויל ניט וויינען ווי איהר ווײנט — — — — — — צוויי און זיבעציג
פרעגט מײַן קינד — — — — — — — — — — — — דרײַ און זיבעציג
אַלין פאַרגעהט — — — — — — — — — — — — — פיר און זיבעציג
איצטער — — — — — — — — — — — — — — — פינף און זיבעציג
אָ, גאָט! — — — — — — — — — — — — — — זעקס און זיבעציג
צו אַ פרײַנד — — — — — — — — — — — — — זיבען און זיבעציג

ווינטער און זומער.

אוים זומער — — — — — — — — — — — — — — אײן און אַכציג
סליחות צײַט — — — — — — — — — — — — — צוויי און אַכציג
קרעכצט אַ פויגעל — — — — — — — — — — — — דרײַ און אַכציג
די קראָה — — — — — — — — — — — — — — — פיר און אַכציג
דער חשון ווינד — — — — — — — — — — — — פינף און אַכציג
דער סוד — — — — — — — — — — — — — — — זעקס און אַכציג
לבנה־שטויב — — — — — — — — — — — — — — אַכט און אַכציג

מכשפים — נײַנציג
יוגענד — איין און נײַנציג
ווען עס קומט דער ליבער זומער — דריי און נײַנציג
שטילקייט — פינף און נײַנציג
פאַרטאָג אין פעלד — זעקס און נײַנציג
דאָס געזאַנג פון דער וועלט — זיבען און נײַנציג
פון בלום צו בלום — נײַן און נײַנציג
דער טייך — הונדערט און איינס
אסתר׳ס סודות — הונדערט און צוויי
דער גליקליכער פויגעל — הונדערט און דריי

פאַרשידענע לידער.

ביים ים — הונדערט און זיבען
דער זיידע ים — הונדערט און אַכט
טיטאַניק — הונדערט און נײַן
נשמות — הונדערט און צוועלף
מענש און שלאַנג — הונדערט און פערצעהן
דער געפאַנגענער אָדלער — הונדערט און פופצעהן
די באָבע — הונדערט און זעכצעהן
עלענד ווי דעם ווינד׳ס געוויין — הונדערט און זיבעצעהן
עלענד בין איך... — הונדערט און אַכטצעהן
גראָז — הונדערט און נײַנצעהן
ווען עס לאַכט אַ קינד — הונדערט און צוואַנציג
ר׳ יודעל דער כלי־זמר — הונדערט און צוויי און צוואַנציג
גאָט און דער נביא — הונדערט און פיר און צוואַנציג
פון הונגער — הונדערט און פינף און צוואַנציג
קורץ איז דער שבת — הונדערט און זיבען און צוואַנציג
אַוועק איז מיין חבר — הונדערט און אַכט און צוואַנציג
לאַכט די וועלט אין ווייסע בליטען — הונדערט און דרייסיג
אַ מענש מיט אַ האַרץ — הונדערט און צוויי און דרייסיג
היט עָפּ דיין האַרץ — הונדערט און דריי און דרייסיג

אויב ס'איז אמת — — — — — — — — הונדערט און פיר און דרייסיג
צווישען הימעל און וואסער — — — — הונדערט און פינף און דרייסיג
וועל איך שליסען מיינע אויגען — — — הונדערט און זעקס און דרייסיג
מיין הארץ — — — — — — — — — — הונדערט און זיבען און דרייסיג
א וואונש — — — — — — — — — — הונדערט און אכט און דרייסיג

הומאָריסטישע לידער.

צום נודניק — — — — — — — — — — הונדערט איין און פערציג
מיינע „מיליאָנען" — — — — — — — הונדערט און דריי און פערציג
געדענקסטו ? — — — — — — — — הונדערט און פינף און פערציג
זאָגט דעם אמת — — — — — — — — הונדערט און זיבען און פערציג
אַ נבואה — — — — — — — — — — הונדערט און ניין און פערציג
דרייצעהן סענט אַ שורה — — — — — הונדערט און דריי און פופציג
אַ זעלטענע ווייבעל — — — — — — הונדערט און פינף און פופציג
אַ פרעהליכע נשמה — — — — — — — הונדערט און זעקס און פופציג
נישט געזאָרגט — — — — — — — — הונדערט און ניין און פופציג
ווען דיכטער ליבען — — — — — — — הונדערט און איין און זעכציג
גלויבט ניט אַמעריקע — — — — — — הונדערט און צוויי און זעכציג
Not Guilty — — — — — — — — — הונדערט און פיר און זעכציג
דער בראנזווילער „ציטיזען" — — הונדערט און זעקס און זעכציג
שטעהען אידען... — — — — — — — הונדערט און אכט און זעכציג
פון זונטאָג ביז שבת — — — — — — — — הונדערט און זיבעציג